גליון

# באור החיים

יתנא לאור ע"י איחוד תלמידי וחסידי טאהש

פרשת עקב - תשפ"ה לפ"ק | גליון תתמ"ד

הגליון המורחב לרגל היומא דהילולא קדישא נתנדב על ידי
הרבני הנגיד והחסיד ר' **אהרן משה יהודה שלאגער** שליט"א
לעילוי נשמתו הטהורה של אבינו רועינו אור חיינו כ"ק רבינו הקדוש מרן **משולם פייש** בן הרה"ק רבי **מרדכי סג"ל** זיעועכי"א
לכבוד היומא דהילולא קדישא ז"ך לחודש מנחם אב - ה' ראה הבעל"ט
ובזכות זה יתברך הנדבן החשוב בכל מילי דמיטב, וימלא הקב"ה כל משאלות לבו לטובה אמן סלה

## באור פני מלך

פניני עבודת עבודה על פרשת השבוע

המדור הזה נתנדב ע"י מוה"ר **אלי' מאיר** (ב"ר יוסף) **גאלדבערגער** הי"ו (וומסב"ג)
לרגל שמחת הכנסת בנו הב' מנחם מאניש נ"י לעוהתו"מ למזל טוב
ובזכות זה יברכהו השי"ת שיזכה לרוות רב תענוג ונחת מכל יוצ"ח לאורך ימים ושנים טובים אמן

### ע"י מדת ענוה אפשר לקיים כל התורה כולה

**והיה עקב תשמעון.**

על ידי מדת הכנעה, זוכה האדם לקיים כל התורה כולה, כמו שכתוב בבעל הטורים כאן, והיה עק"ב תשמעון, שזה רומז, שתשמעון את עשרת הדברות, שיש בהם קע"ב תיבות, ועל זה נאמר (תהלים י"ט ב') בשמרם עק"ב רב, והכוונה בזה כי מה שיש בעשרת הדברות סכום תיבות כמנין עק"ב בא לרמז, שכדי שיזכה האדם להעשרת הדברות וכל התורה הכלולה בהן, צריך להתנהג במדת עק"ב, בהכנעה ושפלות, ועל ידי זה תזכו לשמוע את כל המשפטים האלה, לקיים כל התורה, כי על ידי מדת הכנעה, השכינה שורה באדם, ואז ממילא זוכה לקיים כל התורה כולה.

(עבודת עבודה פתג"ק בא)

### צריך לקדש כל מחשבותיו להשי"ת

**וסרתם ועבדתם אלהים אחרים.**

הבשע"ט הק' פירוש בפסוק זה, דברגע שהאדם סר במחשבתו מה', ואינו מקושר אליו יתברך, תיכף נחשב כאילו עובד אלהים אחרים חלילה, ובני ישראל במצרים אף שלא התערבו בגוים במעשיהם, אבל עדיין לא היה להם אז כח הדעת להשיג את הבורא ב"ה, ולהתקשר אליו יתברך בכל מחשבה דיבור ומעשה, ולכן טען הס"מ הללו והללו עובדי ע"ז, היינו כשבני ישראל סרו מאחרי ה' במחשבתם, וזה נחשב להם כאילו עבדו אלהים אחרים, ולכן אינם ראויים להינצל מידי המצריים.

וכמו כן בכל דור ודור אם האדם רוצה להינצל מטומאה, ולתקן פגם היסוד, לא די בזה שיתקן חטא זה לבד, אלא צריך להתקשר אל הבורא ב"ה בכל מחשבה דיבור ומעשה שלו, ולמסור את עצמו וכל מחשבותיו ורצונותיו כולן לה' לבדו.

(עבודת עבודה דב"ק שמות)

### כשמדבק את עצמו להצדיק כאילו נדבק בשכינה

**ולדבקה בו.**

הוקשו חז"ל (ספרי דברים מ"ט) וכי אפשר לאדם לדבוקי בשכינה, והלא אש אוכלה הוא, אלא הדבק בחכמים ותלמידיהם.

והענין בזה, כי צדיק היסוד, הוא הצינור להמשיך השפע לעולם, ונשפע על ידי מדת היסוד, ולכן נקראת מדת היסוד בשם "כל" (זוה"ח ח"ג ש"ב ע"א) כי השפע של כל העולמות נמשך על ידי מדה זו, לכן בזה שהאדם מדבק ומבטל את עצמו לצדיק, הוא מתבטל בזה למקור השפע

המשך בע' ג

פרנס פעולות האיחוד
לחודש אב
נתנדב על ידי הרבני החסיד והמפואר בריח התיכון ומגדולי תומכי מוסדותינו הק'
הרב **מאיר יעקב טעסלער** שליט"א
לעילוי נשמתו הטהורה של
רבינו הקדוש מרן **משולם פייש** בן הרה"ק רבי **מרדכי סג"ל** זיעועכ"י
לכבוד היומדהל"ק ז"ך מנחם אב הבעל"ט
אשריך וטוב לך! הזכותים אדירים יעמדו לך ולזכותך!
מה טוב חלקך וחבלך בזה ובבא!
בכבוד רב
הנהלת איחוד תלמידי וחסידי טאהש
בשם כלל אנשי שלומינו

# שביבי אש

קודצע טרעפליכע טייטשן מתורתו
של כ"ק מרן רבינו הקדוש זיעועכי"א

**כי עוני אגיד אדאג מחטאתי, די עבירה איז, אז מען איז זיך נאר מתודה... מען דארף אויך תשובה טון בפועל.**

(מפי השמועה)

המדור הזה נתנדב ע"י הרה"ג ר' **יעקב פאגעל** שליט"א (טאהש)
לרגל שמחת אירוסי בנו החתן משולם פייש ני"ו למזל טוב
ובזכות זה יברכהו השי"ת שיזכה לרוות רב תענוג ונחת מכל יוצ"ח לאורך ימים ושנים טובים אמן

# דער הייליגער רבי זאגט

ילקוט אמרים מכ"ק רביה"ק זי"ע מלוקט מספרי דבי רב - באידיש

## אויב איז מען זיך מקבל צו היטן תורה ומצות וועט שוין דער אייבערשטער געבן אלעס גוטס

**והיה עקב תשמעון את המשפטים האלה ושמרתם ועשיתם אותם**, איז שוין רש"י הק' מדייק דעם לשון והיה "עקב" תשמעון, פארוואס שטייט נישט והיה "אם" תשמעון.

ווייטער זאגט דער פסוק, ושמר ה' אלקיך לך את הברית ואת החסד, זאגט רש"י הק' ושמר לך, ישמר לך הבטחתו, רש"י הק' וויל אפטייטשן אז ושמר מיינט א לשון עתיד, ער וועט דאס היטן נישט א לשון עבר, איז שווער, אויב אזוי פארוואס שטייט נישט ארויס אין פסוק, והיה עקב תשמעון את המשפטים האלה, "ישמר" ה' אלקיך לך וגו', מיט א לשון עתיד, פארוואס שטייט דאס לשון ושמר, וואס קען אויך מיינען א לשון עבר.

נאר קען זיין מרומז דא אין די פרשה לויט ווי די ספרים הק' זענען מדייק אין די קומענדיגע פרשה פרשת ראה, ראה אנכי נותן לפניכם היום ברכה וקללה את הברכה אשר תשמעו וגו', והקללה אם לא תשמעו, לכאורה פארוואס שטייט 'היום', דער פסוק זאגט דאך את הברכה אשר תשמעו, ס'ווענדט זיך דאך אויב מען וועט צוהערן צו נישט, דארף מען דאך קודם זען וויאזוי מ'פירט זיך.

נאכדעם איז שווער וואס רש"י הק' זאגט, את הברכה אשר תשמעו, על מנת אשר תשמעו, וואס האט רש"י מוסיף געווען מער ווי עס שטייט שוין.

און בכלל דארף מען פארשטיין פארוואס דערמאנט דא די תורה די ברכות און די קללות האמורים בהר גריזים ובהר עיבל, ס'שטייט דאך שוין ארויס די גאנצע פרשה באריכות אין פרשת כי תבא.

נאר די תורה לערנט אונז דא די געוואלדיגע חסד וואס דער אייבערשטער טוט מיט אונז, אז מיט דעם אליין ווען א מענטש טוט א קבלה על העתיד, ער איז נאר מקבל אויף זיך צו זיין גוט, אפילו למעשה פירט ער זיך נאכנישט ווי ס'דארף צו זיין, נעמט דער אייבערשטער שוין אן זיין תשובה, ווי דער רמב"ם הק' זאגט דאס לשון אין הלכות תשובה (הל' תשובה ב'), ומה היא התשובה, שיעזוב החוטא חטאו ויסורו ממחשבתו, ויגמור בלבו שלא יעשהו עוד, שנאמר (ישעיה נ"ה ז') יעזוב רשע דרכו, די תשובה איז אז ער איז מחליט אין זיין מחשבה אז ער וועט דאס מער נישט טוען, ער איז מקבל מהיום והלאה צו זיין גוט, דעמאלטס ווערט שוין נתקבל זיין תשובה, און דער אייבערשטער גיבט אים שוין די ברכה אפילו ער האט נאכנישט מקיים געווען למעשה.

דאס זאגט די תורה הק', ראה אנכי נותן לפניכם "היום", עטץ קענטס שוין היינט באקומען די ברכה נאך פארן טוען, און דאס דרוקט רש"י הק' אשר תשמעו, "על מנת" אשר תשמעו, ווי די גמרא זאגט (קידושין ס' ע"ב) כל האומר על מנת כאומר מעכשיו דמי, די ברכה קען שוין חל זיין אפילו מען האט נאכנישט געטוען למעשה, ווייל כל האומר על מנת כאומר מעכשיו דמי.

און דאס קומט די תורה הקדושה לערנען מיטן דערמאנען די ברכות אין די קללות דא אין פרשת ראה, כאטש ס'שטייט שוין די גאנצע ענין אין פרשת כי תבא, אבער דארט שטייט נאר אז די ברכות און קללות וועלן קומען ווען מען וועט זיך אזוי פירן למעשה, מה שאין כן דא האט משה רבינו געוואלט לערנען פאר כלל ישראל דעם "היום", אשר תשמעו, על מנת אשר תשמעו, אז מיט די קבלה קענט עטץ שוין היינט באקומען די ברכה.

דאס קען זיין מרומז דא אין אונזער פרשה אויך, והיה עקב תשמעון, תשמעון טייטשט מקבל זיין, ווי דער תרגום טייטשט, והיה עקב תשמעון, ויהי חלף די תקבלון, זאגט דער פסוק והיה עקב תשמעון אויב עטץ וועטסט מקבל זיין יעטצט אויפ'ן "עקב" אויפ'ן סוף, עטץ וועטסט מקבל זיין אויף זיך צו היטן תורה ומצות, אפילו מען האט נאך נישט געטוען למעשה, וועט זיין "ושמר ה' אלוקיך לך את הברית וגו'", א לשון עבר, דער אייבערשטער וועט פריער היטן דעם בונד, און דיר שוין געבן אלעס גוטס, וויבאלד דו האסט נאר מקבל געווען צו דינען דעם אייבערשטן, צו זיין געטריי צום אייבערשטן.

(עבודת עבודה אמ"ק)

המדור הזה נתנדב ע"י מו"ה אלימלך שמשון סג"ל קרויס הי"ו (ק"י)
לרגל שמחת הולדת בתו למזל טוב
ובזכות זה יברכהו השי"ת שיזכה לרוות רב תענוג ונחת מכל יוצ"ח לאורך ימים ושנים טובים אמן

# א ווארט צום שבת טיש

געקליבענע תורות און מעשיות נאכצאגן ביים שבת טיש

## א תורה אויף די פרשה

### לא ישימם בך ונתנם בכל שונאיך.

לכאורה דארף מען פארשטיין פארוואס שטייט קודם "ישימם" בך, און דערנאך שטייט "ונתנם" בכל שונאיך. פארוואס טוישט די פסוק פון נתינה צו שימה?

נאר די גמרא זאגט אין מסכת מנחות (נ"ט) אז ביי א מנחת חטאת אויב האט מען אריינגעלייגט אפילו א משהו אויל, איז די מנחה פסול, ווייל ס'שטייט דער לשון לא "ישים", אבער ווען מען לייגט אריין צו די מנחה, לבונה, איז דער שיעור צו מאכן דעם מנחה פסול א כזית, ווייל ביי לבונה שטייט לא "לא יתן", זעהט מען אז דער לשון "שימה" מיינט א משהו, און דער לשון "נתינה" מיינט א גרויסע נתינה.

דאס איז פשט אין פסוק, וכל מדוי מצרים, די אלע מחלות ל"ע, לא "ישימם" בך, אפילו א משהו וועט נישט זיין ביי די אידן, און ביי די גוים "ונתנם" בכל שונאיך, וועל איך געבן א גרויסע נתינה פון מכות.

(הגאון מהרי"ל דיסקין ז"ל)

### שמלתך לא בלתה מעליך ורגלך לא בצקה.

א קלייד איז א חומריות'דיגע זאך, ממילא קען מען טייטשן אין פסוק אזוי. "שמלתך לא בלתה", דיין חומריות איז נאך נישט אוועק פון דיר, ווייל "ורגלך לא בצקה", דיין פוס איז נישט געשוואלן פון גיין צו צדיקים.

(הרה"ק מקרעמניץ זצ"ל)

### מה ה' אלוקיך שואל מעמך.

ס'שטייט אין גמרא (שבת ל"א) אין לו להקב"ה בעולמו אלא יראת שמים בלבד, קען זיין פשט אז דער לשון "בלבד" קומט מרמז צו זיין אז אויך יראת שמים קוקט מען אין הימל צו דאס איז "לבד", און ס'איז נישט אויסגעמישט מיט אנדערע כוונות.

(המגיד מדובנא ז"ל)

### בכל לבבך ובכל נפשך.

ווען א איד איז מתפלל צום אייבערשטן איז ער מעורר כביכול דעם אויבערשטן אז ער זאל מתפלל זיין פאר די אידן. דאס איז דער פסוק מרמז, "מה ה' אלוקיך שואל", ווען דאווענט דער אייבירשטער? "בכל לבבך ובכל נפשך", ווען א איד איז מתפלל מיט'ן גאנצן הארץ.

(אמת ליעקב)

### עושה משפט יתום ואלמנה.

די פסוק קומט מרמז צו זיין אז ווען משיח וועט קומען אויסלייזן די יודן פון גלות, וועט דער אייבערשטער משפט'ן די גוים וואס האבן געפייניגט די אידן און גלות, און גע'הרג'ט אסאך מענטשן און דורכדעם געמאכט אז צוויש די אידן זאלן זיין יתומים ואלמנות ל"ע.

(פנים יפות)

### בכל לבבכם ובכל נפשכם.

מ'קען זאגן פארוואס דא שטייט נישט "ובכל מאודכם" אזוי ווי ס'שטייט אין די ערשטע פרשה פון קריאת שמע, ווייל אין די פרשה שטייט ולעבדו, אז מ'איז אין דער בחינה פון א עבד, וואס כל מה שקנה עבד קנה רבו, ממילא פעלט שוין נישט אויס צו זאגן בכל מאודכם, ווייל דאס געלט באלאנגט סיי ווי פאר'ן אויבערשטן, משא"כ דער ערשטער פרשה וואס דארט זאגט דער פסוק ואהבת וואס איז א בחינה פון א בן, דעריבער דארף מען באזונדער ארויסברענגן בכל מאודך.

(עטרת צבי)

### בשבתך בביתך ובלכתך בדרך.

ווען א טאטע לערנט מיט זיינע קינדער, איז ער זיי מיט דעם מחנך, אז אויך שפעטער ווען ער וועט ארויסגיין אויפ'ן גאס, זאל עס זיין מיט יראת שמים. דאס איז פשט אין פסוק, "בשבתך בביתך" - דו זאלסט מחנך זיין דיינע קינדער אין שטוב, און דאס וועט זיך אנזען אויך "בלכתך בדרך" - ווען זיי גייען אין וועג.

(חתם סופר)

איחוד
תלמידי וחסידי טאהש
באהלי צדיקים
קול רנה וישועה
בהדרת קודש ויראה עילאה, ברשפי אהבה החקוקים על לוח לבינו, קול מברכים נרימה, בברכת כל ברכאן דלעילא ותתא ומזלא טבא, אל מול פני הקודש, אבינו רועינו, מחמד נפשינו, נזר תפארתינו
כבוד קדושת מרן
רבינו עטרת תפארת
ראשינו שליט"א
לרגל השמחה השרוי' במעונו הקודש
בהולדת נכדו
למזל טוב ובשעה טובה ומוצלחת
אצל חדב"ן הגה"צ רבי יואל יחיאל קאהן שליט"א
מו"ץ בקריתינו הק' - בן כ"ק אדמו"ר מ'תולדות אהרן שליט"א
תיערב ברכותינו הדיוטות, שמשמחת בית צדיקים זו יושפע שפע רב והשפעות ממקור הקדושה, במדה גדושה, וימים על ימי מלך תוסיף שנותיו, מתוך בריות גופא ונהורא מעליא, נחת והרחבת הדעת מיוצאי חלציו פרי קודש הילולים, זרע ברך ה', ועוד רבות בשנים דשנים ורעננים, לנהלנו ולהדריכנו על דרך הקודש, ולהשפיע לנו ממקור מים חיים, להתהלך לפני אלקים באו"ר החיי"ם, עדי נזכה שיוליכנו לקראת משיח צדקינו במהרה בימינו אמן.
הנהלת איחוד תלמידי וחסידי טאהש
גליון באור החיים - להתאחד בחורי אנ"ש - קול איחוד טאהש -
חברה ש"ס - מתאחדת בלעטל - טעלעפאון ביכל - פרנסה ביחד
בשם כל הקהל הקודש

המשך מע' א

והחיות שנשפע בתוכו מאת הבורא ב"ה, ובזה הוי כאילו נדבק בשכינה, אבל אם מפריד את עצמו מן הצדיק, הוא מפריד עצמו גם מהשכינה הק', כי בזה מורה שאינו מבטל את עצמו להשפע והחיות הנשפע בו, אלא הוא נוטל השפע והחיות לעצמו, לומר אני ואפסי עוד, להחזיק עצמו ליש ולדבר נפרד מקדושתו יתברך.

(עבודת עבודה דב"ק ויישב)

# א מעשה אויף די פרשה

ביי איינע פון די פילע וויכוחים וואס הגה"ק ר' יונתן אייבשיץ זי"ע האט אפגעהאלטן מיט די גלחים, האט אים איינמאל איינע פון די גלחים געפרעגט, פון וואו ווייסט מען אז דאס וואס די תורה שרייבט אז משה רבינו איז געווען אין הימל, אן עסן פערציג טעג, איז אמת? מילא דאס וואס ער האט געשפאלטן דעם ים האט דאך יעדער געזעהן, אבער דאס וואס ס'שטייט אז ער איז געווען אין הימל, פון וואו ווייסט מען אז דאס איז אמת? אפשר איז ער אוועקגעגאנגען אין אן אנדערן געגענט, און בלויז איינגערעדט אז ער איז געווען אין הימל?

האט אים ר' יונתן אייבשיץ געענטפערט אז די תורה שרייבט אז משה רבינו איז אלט געווען ביי זיין פטירה הונדערט-צוואנציג-יאר, און מיט דעם אלעם איז ער געווען געזונט און פריש ווי א יונגער מענטש, און נאכדעם שטייט אז מ'האט אים באערדיגט, און קיינער ווייסט נאך היינט נישט וואו דאס פלאץ וואו ער איז באערדיגט געווארן איז. ווען אזא געשיכטע זאל פאסירן ביי די גוים, וואלט איר געשריבן אז ער איז ארויף לעבעדיג אין הימל, א.א.וו. אבער די תורה וועלכע איז א תורת אמת, שרייבט דערנאך ויקבור - מ'האט אים באערדיגט אזוי ווי יעדער מענטש. פון דא האט איר א ראי' אז אלעס וואס שטייט געשריבן אין די תורה איז אמת ויציב.

*

## ולעבדו בכל לבבכם, איזהו עבודה שבלב זו תפלה.

דער הייליגער שינאווע רב זי"ע האט זיך אמאל אויסגעדריקט עטליכע אינטערעסאנטע זאכן בעניני עבודה שבלב, זאגענדיג:

"דאס ערגסטע דאווענען בציבור איז שענער ווי דאס בעסטע דאווענען ביחידות".

"דאס שווערסטע דאווענען בזמנה איז שענער ווי דאס בעסטע דאווענען שלא בזמנה".

"דער שענסטער איד אונטערוועגנס איז בעסער ווי די בעסטע איד אינדערהיים".

"עס איז בעסער צו דאווענען פאר זיך ווי פארן עמוד".

*

ווען איינער האט אמאל געפרעגט דעם הייליגן ר"ר מרדכ'ילע מנאדבורנא זי"ע פארוואס ער האט נאכנישט געדאווענט, האט ער געפרעגט ווער זאגט אז ס'איז שפעט? האט יענער צוגעוויזן אויפ'ן זייגער, אז ס'שוין שפעט, האט ער געענפערט "דער זייגער האט נישט וואס צו טון דערפאר דרייט זיך עס, אבער מרדכי האט וואס צוטוהן".

*

א איד וואס האט ל"ע נישט געהאט קיין קינדער איז געקומען וויינען פאר זיין רבי'ן אז ער וועט אוועק גיין פון די וועלט אן איבערלאזן א קדיש נאך זיך. האט זיין רבי געענפערט בצחות לשונו, "יעדן טאג ווען דו לויפסט ארויס פאר 'עלינו', ווערט שוין איבערגעלאזט א קדיש".

*

אין ספר חמדה גנוזה ווערט דערציילט אז דער הייליגער דברי חיים זי"ע איז אמאל געווען אין בעלזא, און ווען דער בעלזער רב זי"ע איז נאכן דאווענען געגאנגען באזוכן דעם צאנזער רב וועלכער האט נאך געהאלטן פארן דאווענען, האט ער אים געפרעגט, "צאנזער רב וואס וואלט איר געטוהן אויב משיח קומט יעצט, איר וואלט געגאנגען צו משיח אדער געגאנגען דאווענען? האט אים דער צאנזער רב געענטפערט, וואס וועט בעלזער רב טוהן אויב משיח קומט מארגן פארן דאווענען? האט דער בעלזער רב געענטפערט, "ווען איך דאווען דאווענט משיח מיט, און ער קען דעמאלטס נישט קומען.

*

## ולמדתם אותם את בניכם.

דער הייליגער ר' מעכעל'ע זלאטשובער זי"ע האט אמאל געמאכט אן עליית נשמה, ווען ער האט זיך אויפגעוועקט האט ער געזאגט אז באמת איז ער שוין געווען גרייט צו בלייבן אויף יענע וועלט, ער האט אבער גענומען א ספר תורה צו זעהן אויב ער האט מקיים געווען אלעס וואס שטייט אין די תורה, און באמערקט אז די מצוה פון 'ולמדתם אותם את בניכם' האט ער נאכנישט מקיים געווען בשלימות, ווייל ער האט נאכנישט געהעריג געלערנט מיט זיין זון, ממילא איז ער נאכאמאל אראפגעקומען אויף די וועלט.

*

א געוויסער מלמד וואס האט געדינט אין א מאדערנער חדר, האט פרובירט אריינצולייגן אין זיי אמונת חכמים, און ווארעמקייט צו אידישקייט. צום ביישפיל ווען ער האט געלערנט מיט זיי גמרא, און מען איז אנגעקומען צו א תנא אדער אמורא וואס מען האט צום ערשטן מאל געהאט דעם נאמען, האט ער זיי פארציילט א מעשה אויף דעם תנא, אדער אן אינטערעסאנטע זאך וואס דער תנא האט געזאגט, און דאס האט געהאט א גרויסע השפעה אויף די קינדער. אבער די עלטערן האט דאס זייער געשטערט און זיי האבן געווארענט דעם מלמד, אז ער זאל אויפהערן מיט זיינע מעשיות, און אז נישט וועלן זיי אוועקנעמען די קינדער פון אים, און ער וועט בלייבן אן א פרנסה.

דער איד האט נישט געוויסט וואס צו טון, איז ער אריבער געפארן צו הרה"ק רבי משה מ'פשעווארסק זי"ע פרעגן וואס צו טון. האט אים דער רבי געזאגט: "די ערשטע הלכה אין ש"ס איז אז קריאת שמע האט א זמן, און גלייך נאכדעם פארציילט אונז די משנה א מעשה, מיט די קינדער פון ר' גמליאל וועגן זמן קריאת שמע. די צווייטע הלכה איז, אז מען דארף ליינען קריאת שמע ליגענדיג אדער גייענדיג, און גלייך ברענגט די משנה א מעשה אויף דעם פון ר' טרפון. באלד נאך דעם זאגט די משנה: 'מזכירין יציאת מצרים בלילות', און עס איז נישט געווען קיין מעשה אויף די הלכה. ברענגט אונז די משנה א מעשה פון ר' אלעזר בן עזריה. דאס אלעס איז אונז צו ווייזן באלד ביים אנהייב פון ש"ס, אז הלכה מיט סיפורים פון צדיקים גייען צוזאמען, און אויב מען לאזט אייך נישט לערנען ביידע אינאיינעם, איז ענדערש אפצוזאגן דעם מלומדות פאסטן'.

*

דער חפץ חיים ז"ל פלעגט דערציילן, אז זייענדיג אין א קור-ארט, איז ער דארט געגאנגען אין מקוה, און שפירענדיג אז ס'איז גענצליך קאלט, האט ער געפרעגט דעם בעדער (מקוה איד) פארוואס איז די מקוה קאלט? האט דיר בעדער צוריקגעענטפערט, איך האב דאך אנגעווארעמט דאס קעסל און עס אריינגעגאסן אין מקוה. דער חפץ חיים איז צוגעגאנגען צום קעסיל, און עס באטאפט און באמערקט אז עס איז ווארעם, האט ער זיך אנגערופן: "ווען דאס קעסיל איז הייס, איז צו ערווארטן אז די מקוה זאל זיין ווארים, אבער אויב דאס קעסיל איז בלויז ווארעם, וואס קען מען שוין ערווארטען פון די מקוה?"

יארן שפעטער פלעגט דער חפץ חיים זיך באניצן מיט די מעשה ווען עלטערן זענען זיך געקומען אפרעדן אויף זייערע קינדער, און דער חפץ חיים האט געוואסט אז די עלטערן זענען אויך גאנץ שוואך אין אידישקייט, האט ער זיך באנוצט מיט די מליצה, אז דאס קעסיל איז ווארעם, וואס קען מען שוין ערווארטן פון די מקוה?. ודפח"ח.

*

## וכתבתם על מזוזות ביתך.

עס ווערט דערציילט אז א גאסט וועלכער איז אנגעקומען אין קאזמיר האט געהאלטן אז אים דארף מען מכבד זיין מער ווי געווענדליך, אבער אזוי ווי דער עולם איז געווען גרויס און מ'האט אים נישט באמערקט איז ער געבליבן זיצן ביים טיר און זיך געשטיפט מיט די אנדערע אידן, האט ער געהאט גרויס חלישת הדעת פארוואס מ'לאזט אים שטיין ביי די טיר, און מ'לאזט אים נישט אריין, פלוצים הערט זיך דער קול פון רבי'ן הרה"ק רבי יחזקאל מקאזמיר זי"ע ווי ער שרייט אויס "ס'האט גארנישט פאסירט, אויך די מזוזה איז גאר א חשוב'ע ארטיקל און מיט דעם אלעם ליגט עס ביי די טיר".

# ביאור הלכה

הלכות וביאורים מתוך ספרי בית נאמן בישראל
אשר עדיין לא ראו אור הדפוס
מאת הגאון הגדול דומ"ץ קריתינו הק' שליט"א

המדור הזה נתנדב ע"י מוה"ר רפאל ארי' קאהן הי"ו (טאהש)
לרגל שמחת הולדת בנו למזל טוב
ובזכות זה יברכהו השי"ת שיזכה לרוות רב תענוג ונחת מכל יוצ"ח לאורך ימים ושנים טובים אמן

# יומא דהילולא קדישא

## השתטחות בקברי צדיקים במשנתו של רבינו הקדוש זי"ע

## הנהגות ווען מען איז ביים ציון

### פארווארט

שטייענדיג נאנט צו די יומא דהילולא רבה קדישא פון רבינו הקדוש והטהור זי"ע, ווען טויזענטער תלמידים וחסידים און אנשי שלומינו פון די גארער וועלט, קומען זיך משתטח זיין און אויסגיסן דאס הארץ ביים ציון הקדוש פון אונזער הייליגן רבי'ן זי"ע, איז א פאסיגע צייט ארום צו רעדן פארשידענע הייליגע הנהגות און הדרכות און ענינים וואס עס איז שייך בשעת מען איז משתטח ביי א ציון פון א צדיק במשנתו של רבינו זי"ע, זאכן וואס מיר האבן זוכה געווען מקבל צו זיין פון רביה"ק זי"ע, זאכן וואס ער האט זיך געפירט, און זאכן וואס ער האט געזאגט, און זענען געדרוקט אין זיינע הייליגע ספרים "עבודת עבודה".

## השתטחות בקברי צדיקים

### גלייבן אין די כח פון צדיקים

רבינו הקדוש שרייבט אין עבודת עבודה ווען מען איז זיך משתטח אויף קברי צדיקים דארף מען גלייבן אין זיי און אין זייער כח, און ווער עס גלייבט נישט ח"ו אין די כח פון די קדושה פון די צדיקים, איז בעסער אז ער זאל בכלל נישט גיין צו זייער ציון (ספר עבודת עבודה (שיחות קודש ח"א עמוד שי"ח).

### מודיע זיין

עס ווערט געברענגט פונעם הייליגן ישמח משה זי"ע, אז ווען מען גייט מתפלל זיין ביי א ציון פון א צדיק, אדער צו קברי אבות, זאל מען פארן אריין גיין צום בית החיים, מפריש זיין א פרוטה פאר צדקה, און זאגן איך בין מנדב די פרוטה לעילוי נשמת די נשמה וואס וועט מודיע זיין פארן צדיק, אדער פאר מיינע עלטערן, אז מען איז געקומען מתפלל זיין, און גלייך נאכדעם זאל מען גיין צום ציון מתפלל זיין.

רבינו הקדוש זי"ע ווען ער איז געגאנגען צו קברי אבותיו הקדושים אין טאהש אין תשל"א לפ"ק, ווען ער איז אנגעקומען צום טיר פון אוהל, האט ער געקלאפט אויף די טיר פונעם אוהל, און ער האט געזאגט אויפן קול "זיידע דיין אייניקל איז דא".

### צינדן ליכט

#### דער ענין פון צינדן ליכט

רבינו הקדוש זי"ע פלעגט צו זאגן: אז איינע פון די גרעסטע נחת רוח וואס מיר קענען טוהן פאר א נשמה, איז צו צינדן ליכט ביי זייער קבר לעילוי נשמתו, און מיט דעם איז מען זיך מקשר מיטן צדיק נאך זיין הסתלקות, און דער צדיק וועט דערפאר שטארק מכיר טובה זיין.

רבינו הקדוש האט געזאגט: אז דער הייליגער רבי מענדעלע מרימנוב זי"ע האט געזאגט, אז ווען איינער צינדט אן א ליכט פאר א נשמה פון א צדיק, וועט די נשמה אנווענדן אלע מעגליכקייטן א טובה צו טוהן פאר דעם מענטש, ער וועט אים אפילו ארויס נעמען פון שאול תחתית, און רבי ר' מענדעלע האט צוגעזאגט פאר דעם וואס וועט צינדן ליכט פאר זיין נשמה, [רבי מנחם מענדל בן רבי יוסף], אפילו הונדערט יאר נאך זיין פטירה, וועט ער אים א טובה טוהן אין עולם העליון, און אזוי האט אויך געזאגט דער הייליגער אפטא רב זי"ע, און נאך צדיקים.

### מעשה נורא

שטייט אין ספר תפארת יעקב (פרשת תצוה) א מורא'דיגע מעשה, אמאל האט א פרוי געבעטן פון א מענטש, אזוי ווי זי האט יארצייט נאך איר מאמע, בעט זי פון אים אז ער זאל נעמען די ליכט, און ער זאל דאס אנצינדן אין בית המדרש לעילוי נשמתה, און אזוי ווי דער איד האט נישט געקענט דעמאלטס גיין אין בית המדרש, האט ער געבעטן פון א שליח אז ער זאל אנצינדן די ליכט אין בית המדרש, דער שליח האט אריין געלייגט די ליכט אין זיין טאש, און ער האט אינגאנצן פארגעסן דערפון, אינמיטן די נאכט איז די מאמע פון די פרוי געקומען צו דעם איד אין חלום, מיט א טענה היתכן אז דו האסט נישט געצינדן די ליכט אין טאג פון מיין יארצייט לעילוי נשמתי, און דו האלטסט די ליכט ביי דיר אין טאש. דער איד האט זיך זייער דערשראקן, און ער איז געלאפן אינמיטן די נאכט אין בית המדרש, און געצינדן די ליכט.

### קוקן אויף די ליכט

רבינו הקדוש שרייבט אין ספר עבודת עבודה אז די ליכט וואס מען צינדט אום לעילוי נשמת פון צדיקים, פארמאגט אין זיך א רוחניות'דיגע אור, און ווען מען קוקט דערויף איז דאס משפיע א קדושה אויפן מענטש, אזוי ווי די ספרים הקדושים שרייבן ביי נרות חנוכה (ספר עבודת עבודה (שיחות קודש ח"א עמוד שכ"ג).

### וועלכע ליכט זאל מען צינדן

#### נר שמן

דער חתם סופר שרייבט אין זיינע תשובות (אבן העזר ח"ב סימן פ"ה) אז עס איז א הידור צו צינדן ליכט פון שמן זית.

און די הקדמה פון תיקוני זוהר שטייט, אז די נפש פון מענטש איז אזוי ווי א "קנויט", און די רוח פון מענטש איז די "שמן", און די פייער איז די "נשמה", און די גוף פון מענטש איז די כלי פון די ליכט.

עס איז מקובל פון הרה"ק רבי דוד צבי שלמה מלעלוב זי"ע, "אז צינדן שמן זית פאר א נשמה, איז אזוי ווי צו געבן קאלט וואסער פאר א דארשטיגער (סידור תהלה

לדוד).

## נר שעוה

עס זענען דא וואס זענען מהדר צו צינדן ליכט פון שעוה, ווייל דאס איז א לשון פון "שוועתינו" קבל ושמע צעקתינו.

אין ספר אמרי נועם (ביומא דהילולא של הרה"ק מראפשיץ זי"ע) שטייט, אז "שעוה" איז די ראשי תיבות ה'קיצו ו'רננו ש'וכני ע'פר, א רמז צו תחיית המתים.

## נר תמיד

רבינו הקדוש זי"ע האט מקפיד געווען, אז מען זאל צינדן א נר תמיד, דאס מיינט אז עס זאל שטענדיג ברענען א ליכט פון שמן זית לעילוי נשמת.

רבינו הקדוש שרייבט אין ספר עבודת עבודה אז דער זיידע דער סבא קדישא הרה"ק רבי אלימלך זי"ע, האט אנגעצינדן אין טאג פון יארצייט פונעם עלטער זיידע הרה"ק רבי משולם פייש זי"ע, א לאמפ וואס ברענט דורך גאז, אויסער די ליכט וואס ער האט אנגעצינדן (עבודת עבודה, שיחות קודש ח"ג).

## ווי צינדט מען די ליכט

דער הייליגער חתם סופר שרייבט, אז דער עיקר ענין פון צינדן ליכט איז אין שול, און נישט אין אנדערע פלעצער, ווייל עס שטייט "באורים כבדו את ה'".

און איז דא ווער עס שרייבט אז עס איז א עקסטערע ענין צו צינדן ביים ציון, און דאס איז א גרויסע הנאה פאר די נשמה, און אזוי טרעפן מיר אין פרקי דרבי אליעזר (פרק ל') אז ווען אברהם אבינו איז אריין אין מערת המכפילה, האט ער געטראפן ביים קבר פון אדן וחוה אז נר דלוק על ראשם, און אזוי זעהט מען אויך אין די גמרא (כתובות דף ק"ג ע"א) אז רבינו הקדוש האט געלאזט צוואה "נר יהא דלוק במקומי".

שטייט אין שו"ת תורה לשמה (סימן תק"כ) אז ווען מען צינדט ליכט אויפן ציון, וואס דארט איז די פלאץ וואס עס איז שורה די נפש פונעם מענטש, איז די הנאה פאר די נשמה אסאך שטערקער.

**באמערקונג**

אזוי ווי עס איז נישט מעגליך צו צינדן ליכט ביים ציון אינעם טאג פונעם יארצייט צוליב די גרויס געדרענג, דעריבער איז איינגעפירט צו צינדן אין בית החיים נאנט צום אוהל, און דאס ווערט באטראכט ווי מען וואלט געצינדן לעבן ציון.

## וויפיל ליכט צינדט מען

עס איז גענוג ווען מען צינדט, איין ליכט, אזוי ווי מיר האבן פריער דערמאנט פון פרקי דרבי אליעזר, און פון די גמרא "נר דלוק".

טייל פירן זיך צו צינדן דריי ליכט, קעגן "נפש, רוח, נשמה".

רבינו הקדוש זי"ע פלעגט זיך פירן, צו צינדן פינף ליכט, ווייל דאס איז קעגן די פינף חלקי הנשמה, "נפש, רוח, נשמה, חיה, יחידה".

דער בן איש חי ברענגט פון זוהר הקדוש, אז אין יעדע פייער איז דא פינף קאלירן, וואס דאס איז מרמז קעגן די פינף חלקי הנשמה, "נפש, רוח, נשמה, חיה, יחידה".

## צינדן דורך א שליח

ווער עס קען נישט קומען צום ציון פונעם צדיק, אדער צו קברי אבות, קען שיקן א שליח זאל דארט צינדן ליכט אין זיין שליחות, און דאס וועט ווערן גערעכנט אזוי ווי ער אליינס צינדט.

## לעילוי נשמת

בשעת מען צינדט די ליכט, זאל מען ארויסזאגן מיטן מויל אז מען צינדט אן די ליכט לעילוי נשמת פלוני בן פלוני, און מען איז מתפלל אז די נשמה זאל האבן אן עליה.

און אזוי שטייט אין שו"ת תורה לשמה (סימן תק"כ) אז די נשמות האבן גרויס הנאה, ווען מען צינדט אן א ליכט לעילוי נשמתם, און ער איז דאס מסביר, אז פונקט אזוי ווי די גמרא זאגט, אז א ריח איז אזאך וואס די נשמה האט הנאה פון דעם, ווייל עס איז א רוחניות'דיגע זאך, אזוי און נאכמער האט די נשמה הנאה פון א אור, וואס איז נאכמער רוחניות'דיג, און ער לייגט צו אז ווען מען זאגט ארויס מיטן מויל ביים צינדן די ליכט אז דאס זאל זיין לעילוי נשמת פלוני בן פלוני, האט די נפש פון מענטש א געוואלדיגע הנאה, ווייל דורך די דיבור [רוח ממללא] באקומט די נפש א חיות.

רבינו הקדוש זי"ע שרייבט אין עבודת עבודה (שיחות קודש ח"ג פרשת ואתחנן) אז עס איז גוט אז מען האט אינזין אויך די מאמעס נאמען, [פלוני בן פלוני ובן פלונית], ווייל דורכדעם ווערט א שטערקערע קשר.

## אויסלעשן די לעכט

רבינו הקדוש זי"ע פלעגט אנזאגן אז מען זאל נישט אויסלעשן א לעכט וואס מען האט געצינדן פאר א נשמה, ווייל דאס איז א גרויסע צער פאר די נשמה, און אויב א מענטש איז משער אז מען וועט אויסלעשן די לעכט וואס ער צינדט אן, איז בעסער אז ער זאל דאס בכלל נישט אנצינדן, דעריבער אן אבל וואס צינדט ליכט ביים עמוד אין בית המדרש פארן דאווענען, זאל זיכער מאכן אז די ליכט זאלן קענען בלייבן ברענען אויך נאכן דאווענען, און אויב ער איז נישט זיכער, זאל ער ענדערש אנצינדן קלענערע ליכט וואס וועלן שנעלער אויסברענען פון זיך אליין. (עבודת עבודה, פרשת בא).

רבינו הקדוש האט נאכגעזאגט פון רבי מרדכי'לע נאדבורנא זי"ע, מיט דעם לשון: "טאמער אויסלעשן א נשמה ליכט, איז בעסער אז מען זאל גארנישט אנצונדן". (שיחות קודש, ניחום אבלים, עמוד י"ג).

עס איז אינטערעסאנט צו צולייגן וואס רביה"ק האט אמאל געזאגט, אז רבי מרדכי'לע נאדבורנא זי"ע פלעגט צו צינדן יעדן טאג הונדערט זעכציג ליכט, לעילוי נשמת פארשידענע נשמות, אין יעדע זייט פון זיין צומער האט ער געצינדן פערציג ליכט, און קיינער האט נישט געטארט זיין אין צומער בשעת'ן צינדן, איינמאל האט זיך איינער באהאלטן און ער האט געזען א פלא'דיגע זאך, אז רבי מרדכי'לע האט געצינדן מיט איין שוועבל אלע 160 ליכט, און דאס שוועבל האט געברענט בדרך נס, און ווען ער האט געענדיגט צו צינדן די לעצטע לעכט, האט זיך דאס שוועבל אויסגעלאשן.

האט רביה"ק געזאגט, איך האב געטראכט דעם טעם דערפון, ווייל רבי מרדכי'לע פלעגט דאך שטענדיג זאגן, אז אויב מען ווייסט אז מען וועט דארפן אויסלעשן א לעכט וואס מען צינדט פאר א נשמה, זאל מען דאס בכלל נישט אנצינדן, קומט אויס אז ווען מען צינדט אזוי פיל ליכט דארף מען זיי אנצינדן מיט אסאך שוועבלער, ווייל זיי לעשן זיך אויס אינמיטן

צינדן, און אזוי ווי ער האט נישט געוואלט אז די שוועבלעך זאלן זיך אויסלעשן, ווייל דורכדעם וועט ער גורם זיין צער פאר די נשמות, האט ער געפועל'ט אין הימל, אז די שוועבל זאל בלייבן ברענען ביז צום סוף (עבודת עבודה, שיחות קודש, ח"ג פרשת ואתחנן עמוד שצ"ט).

**באמערקונג**

עס איז כדאי אנצומערקן אז דער ענין פון צינדן אסאך ליכט פאר א נשמה, איז נישט געגעבן געווארן פאר יעדן, הרה"ק רבי שלום אליעזר פון ראצפערט זצ"ל, האט זיך זייער אפגערעדט אויף די מענטשן וואס צינדן אסאך ליכט ביי די יארצייט פון צדיקים, און זיי מיינען ווי מער לעכט מען צינדט איז דאס א גרעסערע טובה פאר די נשמה, אדרבה דאס קען חלילה ברענגען א קטרוג, פונקט אזוי ווי מען טאר נישט מגזם זיין אין די שבחים ביי א הספד, דאס זעלבע איז אז מען טאר נישט מגזם זיין מיטן צינדן.

נאך איז וויכטיג אנצומערקן, אז מען דארף אכטונג געבן נישט צו לאזן ברענען ליכט נאכן דאווענען, אויף אזעלכע פלעצער וואס קען חלילה גורם א פייער.

## תפלה

### מתפלל זיין ביים ציון

רבינו הקדוש זי"ע פלעגט שטענדיג זאגן, אז עס איז א שטארקע שעת הכושר מתפלל צו זיין ביי די ציונים הקדושים, און זיך אויסבעטן אלעס גוט, ווייל דאס פלאץ איז א מקום קדוש, און די תפלות ווערן דארט נתקבל, אבער מען טאר נישט בעטן דעם צדיק אז ער זאל העלפן, ווייל מען טאר נישט דורש זיין אל המתים, נאר מען דארף בעטן פונעם הייליגן באשעפער אז ער זאל אונז העלפן אין די זכות פון דעם הייליגן צדיק, אדער קען מען בעטן פונעם צדיק, אז ער זאל זיין פאר אונז א מליץ יושר ביים כסא הכבוד.

שטייט אין ספר חסידים אז די מתים האבן הנאה ווען זייער גוטע פריינד זענען מתפלל ביי זייער קבר, און מען בעט לעילוי נשמתם, און ווען מען בעט פון זיי א בקשה, זענען זיי מתפלל אין הימל אויף אונז.

עס שטייט אין זוהר הקדוש, אז אמאל איז רבי יהודה בר שלום איינגעשלאפן אויף א קבר, (נישט וויסענדיג אז דארט געפונט זיך א קבר), האט די נשמה פונעם קבר געזאגט צו אים: "איך שווער זיך אז ווען נישט די געבעט וואס די מתים בעטן אין הימל פאר די לעבעדיגע, וואלטן די לעבעדיגע מענטשן נישט געהאט קיין קיום אפילו א האלבן טאג".

רבינו הקדוש זי"ע האט דערציילט: אז הרה"ק פון קאסאן זצ"ל, איז אמאל געפארן מיט זיין זין הרה"צ רבי משה שמואל זצ"ל, צום יארצייט פון רבי שמעלקא ניקלשבורג זי"ע, ער האט אנגעלאנט זיין האנט אויפן הייליגן ציון, און ער איז דארט געשטאנען עטליכע שעה מיט א געוואלדיגע דביקות, ווען עס האט אנגעהויבן צו ווערן נאכט, און דער לעצטע באן האט שוין געדארפט אוועק פארן, האט זיין זין זיך געמוטשעט אים צו דערוועקן פון זיין טיפע דביקות, און דער קאסאנער רבי פלעגט שטענדיג זאגן, אז ער בענקט זיך צו יענע צייט וואס ער איז געווען ביים ציון, ווייל ער האט דארט געשפירט א ריח גן עדן.

### זאגן תהלים

עס זענען דא פארשידענע מנהגים וועלכע קאפיטלעך תהלים מען זאגט ביי א ציון, אבער ווי באקאנט איז דער מנהג פון רבינו הקדוש זי"ע געווען, אויס צו זאגן גאנץ תהלים פון אנהייב ביזן סוף אן קיין הפסק, און עס זענען געווען פעלער וואס ער האט געענדיגט גאנץ תהלים צוויי אדער אפילו דריי מאל, איינס נאכן אנדערן.

רבינו הקדוש זי"ע פלעגט נאכזאגן פונעם הייליגן עטרת צבי זי"ע, פשט אין פסוק "מי ימלל גבורות ה'" ווער עס וויל עס זאל צוריבן ווערן און בטל ווערן די שווערע דינים וואס איז אויף אים, "ישמיע כל תהלתו" זאל אויסזאגן גאנץ תהלים, און דאס איז בדוק ומנוסה.

נאך פלעגט רבינו הקדוש דערציילן, אז א מאל האט דער הייליגער דברי חיים זי"ע געפרעגט פונעם גוטער איד הרה"ק רבי יוסף ברוך פון ניישטאט זצ"ל, (דער זון פונעם מאור ושמש) צי ער האט שוין מסיים געווען ש"ס, האט ער אים געענטפערט: "ש"ס האב איך נישט מסיים געווען, אבער די גאנצע תהלים האב איך יא מסיים געווען", און אמאל האט דער דברי חיים זיך אויסגעדריקט, "איך וואלט מיך גערן געטוישט מיטן גוטער איד, איך וואלט אים אוועק געגעבן מיין כח התורה, און ער זאל מיר געבן זיין כח התפלה פון תהלים" (עבודת עבודה על תהלים).

תלמידי וחסידי רבינו הקדוש זי"ע זענען הולכים לאורו, און זאגן טאקע אויס גאנץ תהלים ביומא דהילולא, און דאס איז זיכער א נחת רוח לנשמתו הטהורה.

עס איז כדי צו צולייגן, אז עס איז מקובל פון צדיקים, אז ווען מען וויל פועל'ן א גאנצע ישועה, זאל מען אויסזאגן די גאנצע תהלים.

אין אסאך פלעצער איז איינגעפירט צו זאגן גאנץ ספר רביעי פון תהלים פון קאפיטל צ' ביז ק"ז, וכל הלבבות דורש ה'.

### זאגן קדיש

מען פירט זיך צו זאגן קדיש נאכן אויסזאגן גאנץ תהלים, רבינו הקדוש זי"ע פלעגט נאכזאגן פונעם חיד"א זצ"ל אז די קדיש פון נאך תהלים, איז פון די גרעסטע נחת רוח פאר די נשמה.

### לייגן א קוויטל

מען פירט זיך צו שרייבן א קוויטל, און מען לייגט דאס אראפ ביים ציון, עס זענען דא וואס פירן זיך אז זיי ליינען דעם קוויטל, און דערנאך לייגט מען דאס אראפ.

דער הייליגער ראדישיצער זי"ע האט געזאגט, די חז"ל זאגן "צדיקים במיתתן קרויים חיים", לכאורה וואלט מען געדארפט זאגן "נקראים חיים", האט ער געענטפערט, אז ווען מען לייגט א קוויטל ביי די ציונים פון צדיקים, דעמאלטס "קרויים" זיי ליינען "חיים" די נעמען פון די לעבעדיגע, און זיי פועל'ן אין הימל א ישועה.

רבינו הקדוש זי"ע האט דערציילט: אז דער זיידע דער סבא קדישא רבי אלימלך זי"ע, האט אראפגעלייגט א געוואלדיגע עבודה ביים ליינען קוויטלעך ביים ציון פונעם עלטער זיידע, עס זענען קוויטלעך וואס ער האט געליינט און געהאלטן אין די האנט ביז עס איז אראפגעפאלן פון זיך אויפן ציון, און טייל קוויטלעך האט ער נאר א בליק געטאן און ער האט דאס נאכדעם אראפגעלייגט אויפן ציון, עס זענען געווען קוויטלעך וואס ער האט צוריסן אויף שטיקלעך, און טייל האט ער פארברענט, (עבודת עבודה שיחות קודש עמוד ע"א).

## ביים אוועק גיין פון ציון

### לייגן די לינקע האנט

פאר מען גייט אוועק פון ציון, לייגט מען ארויף די לינקע האנט דוקא (אויף א געלינקטער לייגט זיין לינקע האנט) אויפן ציון, און מען זאגט דעם פסוק "ונחך ה' תמיד וגו' תשכב בשלום ותישן בשלום עד בא מנחם משמיע שלום":

### לייגן א שטיין

מען פירט זיך אז נאכדעם וואס מען גייט אוועק פון א קבר לייגט מען א שטיין אויפן קבר.

רבינו הקדוש זי"ע האט געבעטן פון די חברה קדישא דקריתינו הקדושה, אז מען זאל זעהן אז עס זאל שטענדיג זיין שטיינדלעך אין בית החיים, כדי מען זאל קענען האבן גענוג שטיינער ארויף צו לייגן אויף די קברים.

ביי קברי צדיקים פירט מען זיך, אז מען לייגט נישט א שטיין, וויבאלד מען לייגט קוויטלער, און דאס איז אנשטאט די שטיין.

## ביים ארויס פון בית החיים

### וואשן די הענט

ווען מען גייט ארויס פון א בית החיים, דארף מען זיך וואשן די הענט דריי מאל, בסירוגין, מיט א כלי, און אויב מען האט נישט א כלי קען מען זיך וואשן אונטער א קראן.

עס זענען דא וואס פירן זיך צו וואשן אויך דעם פנים, אבער דער מנהג איז נישט אנגענומען.

רביה"ק זי"ע האט זייער מקפיד געווען, אז נאכדעם וואס מען גייט אוועק פונעם בית החיים, זאל מען זיך וואשן די הענט די ערשטע מעגליכקייט.

עס האט זיך געמאכט אין די ערשטע יארן, נאכדעם וואס מען האט מקדש געווען דעם בית החיים, איז רביה"ק זי"ע געווען אין בית החיים און ער האט געזען אז עס איז נישטא קיין וואסער זיך צו וואשן די הענט, האט ער זיך געווינדערט, ווי קען מען לאזן אז מען זאל גיין אזא לאנגע וועג ביז אין שטעטל אומגעוואשן די הענט, ווען מען האט אים געזאגט אז עס איז זייער שווער צו ציען וואסער פון שטעטל ביז צום בית החיים צוליב די ווייטע וועג, האט ער געבעטן מען זאל טוהן אלעס וואס מען קען אז עס זאל זיין וואסער, מען זאל נישט דארפן גיין אזא לאנגע וועג אומגעוואשן.

### דריי טעג פאר די יארצייט

עס איז מקובל אז ווער עס קען נישט זיין ביים ציון אין טאג פונעם יארצייט, קען גיין אין די דריי טעג פון פאר די יארצייט, און אין דריי טעג פון נאך די יארצייט, דער מונקאטשער רב זצ"ל שרייבט אז נאר איין טאג פאר די יארצייט, און איין טאג נאך די יארצייט, וואס איניינעם זענען זיי דריי טעג (ספר דברי תורה, מונקאטש (מהדורא תליתאי אות מ"ו).

אבער רבינו הקדוש זי"ע שרייבט אין עבודת עבודה, (שיחות קודש ח"ב עמוד של"ט) אז עס איז באקאנט אז פון די דריי טעג פון פאר די יארצייט, און ביז דריי טעג פון נאך די יארצייט פון א צדיק, שיינט די ליכטיגקייט פונעם יארצייט פונעם צדיק.

### זאלסט האבן געפועל'ט אלעס גוטס

עס איז א ענין אן צו וואונטשן פאר דעם וואס גייט ארויס פון ציון "זאלסט האבן גע'פועל'ט אלעס גוטס".

עס ווערט דערציילט אז ווען הרה"ק רבי יהושע'לע בעלזא זצ"ל, איז ארויס פונעם ציון הקדוש פון רבי ר' אלימלך פון ליזענסק זי"ע, האט ער זיך געבייזערט אויף יעדן וואס האט געוואלט רעדן צו אים, ביז עס איז געקומען א דארפסמאן און ער האט אים געזאגט "דער רבי זאל האבן גע'פועל'ט אלעס גוט'ס", האט ער געזאגט "אויף דעם האב איך געווארט", און הערשט נאכדעם איז ער געווארן גוט אויפגעלייגט.

דער מונקאטשער רב זצ"ל איז אמאל געווען ביים ציון פונעם הייליגן דברי חיים זי"ע, אין טאג פון זיין יארצייט כ"ה ניסן, ווען ער איז ארויסגעקומען האט זיין גבאי אויסגערופן אז דער רב האט געבעטן אז ווער עס גיט אים שלום, זאל אים אויך אנוואונטשן "ער זאל האבן געפוילט אלעס גוטס".

### געפועל'ט א פאק מיט ישועות

רבינו הקדוש זי"ע פלעגט דערציילן: אז ווען דער עלטער זיידע הרה"ק רבי משולם פייש זי"ע, איז אוועק געפארן פון ציון פונעם הייליגן קאלובער ז' אדר, איז ער געפארן מיט א וואגן וואס איז געווען אנגעבינדן צו צוויי פערד, און ער האט געזאגט "איך טראג אהיים פון דא א פאק מיט ישועות".

### פועל'ט אויס אלעס גוטס



# מאור התורה

ציצים ופרחים על עניני הפרשה

## ונתנם בכל שונאך

עס ווערן פארציילט אסאך מעשיות פון די פריערדיגע צדיקים, ווי זיי האבן געהאלפן אידן מיט'ן אוועקנעמען זייערע צרות און מחלות דורכ'ן עס טוישן צו א צווייטע גוי.

עס איז באקאנט די מעשה וואס האט זיך אפגעשפילט ביים הייליג'ן סבא קדישא זי"ע איינמאל בעצם יום הפורים.

עס איז געווען א איד ר' גרשון אייזענבערגער ז"ל פון קאראס, וואס האט געליטן פון א שרעקליכע מחלה ל"ע, און ער האט געהאט דערפון שרעקליכע יסורים, ביז עס איז צוגעקומען צו א מצב פון סכנות נפשות.

ווען עס איז געקומען פאר פורים, האט זיין משפחה באשלאסן אים צו ברענגען פורים קיין טאהש צום הייליג'ן סבא קדישא זי"ע, וואס איז געווען באקאנט מיט זיין גרויסע עבודה אין פועל'ן ישועות ביום הפורים, מען האט אים אריינגעברענגט פורים אין ביהמ"ד אויפ'ן בעט, ווען מען האט אים צוגעטראגן צום סבא קדישא האט ער זיך אויסגעוויינט אויף אלע זיינע יסורים, און געבעטן פאר א רפואה שלימה.

ווען דער סבא קדישא האט געזעהן ווי שרעקליך ער קוקט אויס, האט ער געבעטן מען זאל רופן א גוי וואס האט געוואוינט דארט אין טאהש, מיט'ן נאמען "פעקעטע קאקא", און מען האט אים אריינגעברענגט צום סב"ק, דער סב"ק האט אים געפרעגט צו ער איז מסכים אפצוקויפן די מחלה פון דעם איד, האט דער גוי געענטפערט אז אויב דער רבי הייסט איז ער מסכים.

דער סב"ק האט געגעבן א סכום געלט פאר'ן גוי, און געשלאסן מקח מיט אים, עס איז נישט אריבער קיין סאך צייט און ר' גרשון איז געזונט געווארן, און דער גוי האט אנגעהויבן ליידן פון דעם קרענק ביז ער איז אויסגעגאנגען פאר יסורים.

*

הרה"ק רבי מאיר'ל פרעמישלאן'ער זי"ע איז אמאל אנגעקומען אין די שטאט לבוב, איז ער געגאנגען באזוכן ביים רב פון שטאט דער הייליגער ישועת יעקב, אינמיטן איז אנגעקומען א פרוי צום ישועת יעקב און זיך גענומען וויינען פאר רבי מאיר'ל אז איר מאן איז נישט געזונט, און געבעטן אז ר' מאיר'ל זאל מתפלל זיין פאר אים, האט ר' מאיר איר צוריק געענטפערט, אז דו קענסט רואיג אהיים גיין ווייל דיין מאן איז שוין געזונט.

די ישועת יעקב מיט זיין זון ר' מרדכי זאב וואס איז אויך געווען דערביי האבן זיך צושמייכלט, זיי האבן זיך זייער געוואונדערט אויף רבי מאיר'לס ענטפער פאר די פרוי, ער האט דאך אפילו נישט מתפלל געווען, ווען רהי מאיר'ל האט באמערקט אז זיי פארשטייען דאס נישט האט ער זיך אנגערופן "מען לאכט שוין פון מאיר'ן אויך".

און רבי מאיר'ל האט ווייטער געזאגט: "אויב גלייבט עטס נישט קען מען שיקן די משמש זאל גיין קוקן צו ער איז טאקע געזונט געווארן", האבן זיי געשיקט די משמש און ער האט טאקע געזעהן ווי דער מאן וואקט ארום ווי א געזונטע מענטש, מיט גרויס וואונדער האבן זיי געפרעגט פון רבי מאיר'ל פון ווי ער האט אזא גרויסע כח צו באווייזן אזעלכע מופתים.

האט ער זיי געזאגט, אז ער גייט זיי פרעגן א שאלה אין א שטיקל גמרא און אויב זיי וועלן די תירוץ וועט ער זיי אויסלערנען צו זיין א רבי. עס שטייט אין גמרא (מסכת ברכות), ר' חנינא בן דוסא האט מתפלל געווען אויף חולים און נאכדעם האט ער געזאגט זה חי וזה מת, לכאורה דאס אז ער האט געזאגט זה חי פארשטייט מען, אבער פארוואס האט ער געדארפט זאגן פאר חולים אז זיי גייען שטארבן?.

האט זיי ר' מאיר מסביר געווען, אז עס שטייט אין חז"ל "הקב"ה גוזר גזירה וצדיק מבטל", לכאורה איז שווער ווי אזוי קען א צדיק מבטל זיין די רצון הבורא, נאר וואס דען עס שטייט אין פסוק ואתן אדם תחתיך, אל תקרי אדם אלא אדום, אויך שטייט נתתי כפרך מצרים, די פשט פון די פסוקים זענען אז אסאך מאל איז דא א גזירה אויף אידישע קינדער, און דער אייבערשטער לייגט די גזירה אנשטאט דעם אויף די גוים, די זעלבע זאך אויך ווען עס איז דא א גזירה אויף א איד, קען א צדיק מתפלל זיין אויף די איד און ער פועל'ט ביים אייבערשטן צו געבן די גזירה פאר א גוי, דורך דעם איז ער מקיים די רצון הבורא און די מדת הדין ווערט אויסגעפירט, און דורך דעם איז דער צדיק מבטל די גזירה פון אידישע קינדער, און דאס האט ר' חנינא בן דוסא אויך געטון, ער האט געזאגט זה חי - די אידישע חולה זאל לעבן, וזה מת - אנשטאטס אים זאל א גוי שטארבן.



# מעדני התורה

לברר וללבן נושאים ועניינים שונים כדרכה של תורה

מאמר בענין:

## בנין בית המקדש השלישי

### תפילותינו בימים הנוראים על בנין הבית השלישי במהרה ובימינו

הנה בכל תפילות הימים הנוראים, מבקשים בני ישראל ומתחננים על החשת הגואל אשר יבוא לגאלנו, כאשר יתקע בשופר גדול ובאו האובדים בארץ אשור. עוד זאת בשלושת הרגלים מתפללים ומבקשים בתפילת המוספין: "והראנו בבנינו ושמחנו בתיקונו והשב כהנים לעבודתם ולויים בדוכנם לשירם ולזמרם והשב ישראל לנויהם", כאשר מכוון כל הבקשה לשוב ולחזות בבנין הבית השלישי, אשר לו מצפים ומייחלים שלומי בית ישראל, המאמינים בני מאמינים בביאת המשיח שיבוא אף על פי שיתמהמה.

תחילה יש לנו להקדים אודות גודל החיוב לעסוק בהלכות בנין בית המקדש, וכמאמר חכמינו ז"ל (ראש השנה ל.) על הכתוב (ירמיהו ל, יז) "ציון היא דורש אין לה": "מכלל דבעי דרישה", והוא חיוב ללמוד את הלכות בית הבחירה.

כך גם רואים בכל הנוגע לנבואת הבית השלישי אשר נאמרה ליחזקאל הנביא בהיותו עם הגולה בבבל אחר חורבן הבית השני, וכבר אז נאמרה לו צורת בנין הבית השלישי, ואמרו על זה במדרש תנחומא (פ' צו סי' יד): "אמר יחזקאל לפני הקדוש ברוך הוא, רבונו של עולם, עד עכשיו אנו נתונים בגולה בארץ שונאינו, ואתה אומר לי לילך ולהודיע לישראל צורת הבית וכתוב לעיניהם וישמרו את כל צורתו ואת כל חוקותיו (יחזקאל מג, יא), וכי יכולין הן לעשות, הניח להם עד שיעלו מן הגולה, ואחר כך אני הולך ואומר להם. אמר לו הקדוש ברוך הוא ליחזקאל, ובשביל שבני נתונים בגולה יהא בנין ביתי בטל, אמר לו הקדוש ברוך הוא, גדול קריאתה בתורה כבנינה, לך אמור להם ויתעסקו לקרות צורת הבית בתורה, ובשכר קריאתה שיתעסקו לקרות בה, אני מעלה עליהם כאילו הם עוסקין בבנין הבית".

### מקור מצות בנין בית הבחירה

הנה בעיקר בנין הבית, פשוט ומוסכם הוא לפי כל הראשונים מוני המצות, כי מדובר באחד מתרי"ג מצות התורה, ולא נחלקו אלא במקור מצוות בתורה.

דעת הרמב"ם (ספר המצוות עשין כ) כי מקור המצוה הוא בדברי הכתוב (שמות כה, ח) "ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם", כאשר לדעתו פסוק זה לא נאמר רק על המשכן, מאחר והוזכר בו הלשון 'מקדש', על כן אף שנאמר על הקמת המשכן, מכל מקום נכלל בו מצות בנין בית המקדש לדורות.

הסמ"ג (רמזי מצות עשה, קסג) הביא, כי מקור מצות בניית בית המקדש הוא בדברי הכתוב (דברים יב, יא): "והיה המקום אשר יבחר ה' אלקיכם בו לשכן שמו שם שמה תביאו את כל אשר אנכי מצוה אתכם".

הכסף משנה (פ"א מהלכות בית הבחירה ה"א) ביאר מדוע נמנע הסמ"ג מלהביא את הפסוק שהביא הרמב"ם, מאחר ולדעתו אין מצוה זו כוללת אלא הקמת המשכן, הואיל ולא נאמרה אלא בשעת הקמת המשכן, והרמב"ם נמנע מלהביא את הפסוק שהזכיר הסמ"ג, כי בדברי הכתוב לא נאמר ציווי מפורש להקים מקדש במקום אשר יבחר ה', אלא עיקר הפסוק הוא על הבאת הקרבנות אל המקום אשר יבחר ה', ולכן לא הוציא מכאן הרמב"ם את מקור חיוב בניית הבית.

### צורות הבית הראשון השני והשלישי

כמו שהזכרנו, יחזקאל הנביא בהיותו בגלות בבל, קיבל נבואה מפורטת בה נמסרה לו צורת הבית השלישי, כמו שיכולים לראות כל פרטי הנבואה בספר יחזקאל מפרק מ' והלאה, שם כתב את נבואתו, ותחילתה בדברי הכתוב (יחזקאל מ, א): "בעשרים וחמש שנה לגלותנו בראש השנה בעשור לחדש בארבע עשרה שנה אחר אשר הוכתה העיר בעצם היום הזה היתה עלי יד ה' ויבא אתי שמה", ויש להעיר, כי אף שהזכיר שהיה זה 'בראש השנה', אין הכוונה לראש השנה כפשוטו, אלא הכוונה ליום הכיפורים, כמו שהזכיר 'בעשור לחודש', ומה שהזכירו בשם ראש השנה, הוא לפי שהיה שנת היובל, אשר בזה יום הכיפורים הוא תחילת שנת היובל, וכמו שאמרו חכמינו ז"ל (ערכין יב.).

יש להדגיש, כי אף שקיבל יחזקאל נבואתו בגלות בבל שהיתה אחר חורבן הבית הראשון, עוד קודם שבנו את הבית השני, מכל מקום אין נבואתו מתייחסת לבית המקדש השני, אלא הנבואה היא על בניית הבית השלישי.

**המשך בשבוע הבא אי"ה**



# ז"ך וישר הושיעה נא!

מיר שטייען געציילטע טעג פאר די יומא דהילולא קדישא פון רביה"ק זי"ע, איז די פאסיגסטע צייט זיך צו מתבונן זיין במשנתו פונעם בעל ההילולא בענין מורא מקדש.

*

עס איז געווען אמאל ווען רבינו הקדוש זי"ע איז אמאל געזיצן ביים סעודה ערב יום הקדוש, און וואוסענדיג אז איינע פון די גרויסע תומכי המוסדות דארף אנצוקומען צום טיש האט מען געווארט אויף אים טראץ די זייגער האט זיך גערוקט נענטער און נענטער צום זמן כניסת היום.

## באור התפילה

נכתב ע"י ועד מורא מקדש דקהל אור החיים דטאהש

ווען דער תומך תורה איז אנגעקומען און וועלנדיג אים מכבד זיין, האט מען נאך אביסל מאריך געווען מיט'ן טיש און געזינגען ניגונים, און כאטש די שפעטע שעה אין ערב יום הקדוש, האט דער הייליגער רבי מאריך געווען צו מכבד זיין דעם נגיד און ארויסווייזן הכרת הטוב פאר'ן שטיצן די הייליגע מוסדות.

אין א אנדערע געלעגנהייט ווען דער זעלבער עושר וויילענדיג בצל הקודש, האט זיך געמאכט אז ער האט גערעדט ביים דאווענען, דאן האט די הייליגע רבי נישט געקוקט אויף גארנישט, נאר זיך אויסגעדרייט און געקלאפט און אים שטיל געמאכט, וויבאלד ווען עס קומט צו קדושת ביהמ"ד האט רבינו הק' נישט געמאכט קיין שום חשבונות א.ד.ג.

*

אריינקוקענדיג בספרי דבי רב, קען מען טרעפן גאר אסאך ווי רביה"ק איז מעורר דערוועגן אויף גאר א שטארקע אופן, זאל זיין גרויסע זכות מגין זיין אויף אונז מען זאל פועל'ן אלעס גוט'ס, אנס"ו.







בס"ד

# התאחדות אברכים
## דקהל אור החיים ד'טאהש

נתייסדה ע"י כ"ק רבינו הקוה"ט זי"ע • בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

הננו בזה להודיע לכל הקהל הקודש אשר

## ביום ד'
## פר' ראה הבעל"ט

סדרנו בעזהשי"ת לטובת הציבור

# דרשת הכנה

## ועניני קדושת יומא דהילולא

ע"י האי גברא רבא, פה מפיק מרגליות ונואם בחסד עליון

## הרה"ג ר' עקיבא יוסף ראבינאוויטש שליט"א

מרבני בית מדרשינו מאנטריאל

## בהיכל הכוללים

## בשעה 7:50 בערב

מנחה תיכף אחר הדרשה

**שמעו ותחי נפשכם**

הנהלה

המדור הזה נתנדב ע"י מו"ה **יוסף הכהן גאלדמאן** הי"ו (טאהש)
לרגל שמחת הולדת בנו למזל טוב
ובזכות זה יברכהו השי"ת שיזכה לרוות רב תענוג ונחת מכל יוצ"ח לאורך ימים ושנים טובים אמן

# באור הילולא

תולדות וסיפורים מצדיקים שיוהדה"ל חל בשבוע הבעל"ט

## הרה"ק רבי ישכר בער מזלאטשוב זי"ע

*דעם קומענדיגן דינסטאג פר' ראה, כ"ה אב הבעל"ט געפאלט אויס דעם יומא דהילולא פונעם הייליגן "מבשר צדק", הרה"ק רבי ישכר בער מזלאטשוב בן רבי אריה יהודה לייביש זי"ע.*

## ואלה מתולדותיו

דער הייליגער רבי ישכר בער מ'זלאטשוב זי"ע איז געבוירן ח' מנחם אב תקנ"ד.

רבי ישכר בער איז געווען פון די גרויסע תלמידים פונעם הייליגן מגיד מ'מעזריטש זי"ע, און פונעם הייליגן מגיד רבי יחיאל מיכל מ'זלאטשוב זי"ע.

רבי ישכר בער האט געדינט ברבנות אין שטאט זלאטשוב.

ער האט אויפגעשטעלט הייליגע תלמידים, צווישן זיי, דער הייליגער צמח ה' לצבי, און דער הייליגער באר מים חיים, זכותם יגן עלינו.

א יאר בעפאר רבי ישכר בער איז נסתלק געווארן, איז ער ארויפגעפארן זיך באזעצן אין ארץ ישראל.

רבי ישכר בער איז נסתלק געווארן אום כ"ה אב אין יאר תקנ"ה, און איז געקומען למנוחת עולמים אינעם בית החיים אין עיר הקודש צפת.

ער האט מחבר געווען צוויי הייליגע ספרים, "בת עיני", און "מבשר צדק".

## בשפתי צדיקים תתברך

עס איז כדי מעתיק צו זיין א שטיקל פון ספר הקדוש "נתיב מצותיך", וואס דער הייליגער רבי יצחק אייזיק מקאמארנא זי"ע שרייבט אויף רבי ישכר בער מזלאטשוב.

"איש קדוש שהשכינה היה שורה עליו, וכשהלך בים – בנסיעתו לארץ ישראל – והיה סערה בים, עד שהיו בסכנה קרוב למות, אמר למלח שיעמיד אותו על ראש הספינה, וכשיראה שר הים צלם אלקים שלו ינוח מזעפו, כי מימיו לא פגם אפילו פגימה מועטת בצורת צלם אלקים, וכן עשה וברגע נח הים מזעפו".

*

א תלמיד פון רבי ישכר בער, דער הייליגער באר מים חיים זי"ע האט מעיד געווען אויף זיין רבי אז עס איז איז פאראהאנען "רוח הקודש בבית מדרשו.

אזוי אויך געפינט מען אין ספר ארץ חיים וועו דער באר מים חיים רעדט פון רבי ישכר בער דריקט ער זיך אויס: "הרב הגאון אמיתי חסיד אמת הרב דק' זלאטשוב מנחותו כבוד בארץ הקודש תוב"ב זי"ע ועכ"י.

## גערעטעוועט דעם שיף פון א סכנה, דורך זיין הייליגע צורה



# לוח היארצייטן

יארצייטן פון רבותינו הק' ואנשי שלומינו וואס געפאלט אין די קומענדיגע וואך

### זכר צדיקים לברכה

| | | |
|---|---|---|
| כ"ב אב | הרה"ק רבי מאיר בן רבי יעקב זי"ע - ר' מאיר הגדול מ'פרעמישלאן | תקמ"א |
| כ"ו אב | הרה"ק רבי יואל בן רבי חנני' יו"ט זי"ע - מ'סאטמאר | תשל"ט |
| כ"ז אב | אבינו רועינו רבינו הקדוש מרן משולם פייש בן הרה"ק רבי מרדכי סג"ל זי"ע | תשע"ה |

### זכר חסידים לברכה

| | | | |
|---|---|---|---|
| כ"ב אב | הילד יואל ע"ה בן ר' חיים אלעזר הי"ו דייטש לא הניח אחריו זש"ק | תשנ"ג | ביה"ח דקריתינו הקדושה |
| כ"ב אב | הרב החסיד ר' אליעזר בן ר' יהודה ע"ה פאשקעס | תשנ"ב | ביה"ח דקריתינו הקדושה |
| כ"ד אב | האשה החשובה מרת חי' פיגא בת ר' דוב ע"ה ניימאן | תשנ"ח | ביה"ח בקרית יואל |
| כ"ד אב | האשה החשובה מרת מירל בת ר' אשר לעמיל ע"ה ניימאן<br>אשת הרה"ח ר' יעקב מאיר ע"ה | תשנ"ו | ביה"ח דקריתינו הקדושה |
| כ"ח אב | הרב החסיד ר' יו"ט ליפא בן ר' שלום ע"ה ווייס גיסו של רביה"ק זי"ע | תשע"ג | ביה"ח בקרית יואל |

עס ווערט דערציילט – ווי דערמאנט פריער פון ספה"ק נתיב מצותיך - אז ווען רבי ישכר בער איז געווען אויפ'ן שיף קיין ארץ ישראל זיך צו באזעצן דארט, ווען מען האט געהאלטן אינמיטן דעם לאנגע רייזע, האט פלוצלונג אנגעהויבן שטורעמען א שטארקע ווינט, וועלכע האט אריינגעלייגט די שיף און אלע מיטרייזענדע אין א שרעקליכן סכנה.

רבי ישכר בער האט באלד בארואיגט זיינע ארומיגע, און געזאגט אז אלעס וועט זיין גוט. דאן האט רבי ישכר בער פאראבעט מעשים אז דער שר וואס איז געשטעלט אויף די וואסער'ן זאל זיך שטעלן אויפ'ן דעקע פונעם שיף, ווי נאר דער שר האט געזעהן רבי ישכר בער'ס הייליגע צורה, האט דער שר תיכף אפגעשטעלט דעם שטורעם, אזוי איז דער צדיק און די גאנצע שיף געראטעוועט געווארן...

## בלינדערהייט געבליקט אינעם סידור האריז"ל

רבי ישכר בער פלעגט זיך נוהג זיין נישט צו עסן קיין בהמה פלייש. אמאל ווען ער איז געווען ביי זיין רבי'ן דער הייליגער מגיד פון זלאטשוב זי"ע, האט מען דארט סערווירט בהמה פלייש, און ווי זיין מנהג האט ער נישט געגעסן דערפון.

ווען זיין רבי האט דאס באמערקט ווי ער עסט נישט פונעם בהמה פלייש, האט ער זיך אנגערופן "מען וועט אים פאר'משפט'ן אין הימל צום טויט", צוליב דעם וואס ער האט זיך גע'חוצפ'ט פארענט פון זיין רבי, מיטן נישט עסן פונעם בהמה פלייש משולחן רבו.

רבי ישכר בער האט זיך אבער איינגע'טעהנ'ט, און אויסגע'פועל'ט ביי זיין רבי'ן, אז "סומא חשוב כמת", דעריבער זאל ער ווערן "בלינד", און דאס וועט שוין זיין, זיין פארדינטער שטראף.

אזוי איז טאקע געווען, רבי ישכר בער איז בלינד געווארן אויף זיינע אויגן. ווי עס ווערט געברענגט, פלעגט ער שוין נאכן ווערן בלינד, יעדע מאל ווען ער פלעגט עסן, פלעגט רבי ישכר בער האבן פארענט פון זיך אפן דעם סידור האריז"ל, און פלעגט דערין בליקן און מעיין זיין בשעת'ן עסן.

## דער טיש איז געמאכט געווארן דורך א גוי

ווען רבי ישכר בער איז שוין געווען בלינד, איז ער אמאל געווען אויף א באזוך ביים הייליגן רבי יצחק מראדוויל זי"ע. זיך אראפזעצענדיג ביים טיש, האט רבי ישכר בער זיך אנגעכאפט אינעם טיש, זייענדיג בלינד. תיכף האט זיך רבי ישכר בער אנגערופן צו רבי יצחק מראדוויל, "אייער טאטע דער הייליגער זלאטשובער מגיד פלעגט זיך פירן זיך נאר צו באניצן מיט זאכן וועלכע זענען געמאכט געווארן דורך אידן, פארוואס פירט איר זיך ווייטער נישט אזוי מיט דעם מנהג?"

די רייד פון רבי ישכר בער איז געווען פלא'דיג פאר רבי יצחק, וויבאלד אין ווארהייט האט ער זיך טאקע ווייטער געפירט אזוי ווי זיין פאטער, און האט זיך אנגערופן צו רבי ישכר בער "אוודאי פיר איך מיר ווייטער אזוי".

האט זיך רבי ישכר בער אנגערופן צו רבי יצחק מראדוויל "דעם טיש וואס מיר זיצן יעצט איז געמאכט געווארן דורך א גוי". א שטארקע פארוואונדערונג האט ארומגענומען דעם רבי יצחק, זאגענדיג וואס הייסט, דעם טיש, און אזוי אויך דעם דערנעבענדיגן טיש און קאסטן, האב איך זעלבסט באשטעלט פון א איד. רבי ישכר בער איז צוצגעגאנגען צום דערנעבעדיגן טיש און קאסטן, און דאס אנגעטאפט, און זיך אנגערופן מיט קורצע ווערטער "דאס איז אויך געמאכט געווארן דורך א גוי".

אינגאנצן פארוואונדערט איז רבי יצחק געלאפן צום איד ווי ער האט געקויפט די טישן און דעם קאסטן, און האט אים אנגעפאנגען אויספרעגן ווער עס האט געמאכט זיין באשטעלונג, ביז דער איד האט זיך מודה געווען אז צוליב אן אנגעצויגענע צייט מיט אסאך באשטעלונגען, האט ער איבערגעגעבן פאר א ערל צו מאכן אסאך פון זיינע באשטעלונגען וואס האבן געדארפט זיין גרייט אין א באשטימטע צייט, און איינע פון דיע איז געווען רבי יצחק מראדוויל, און רבי ישכר בער האט דאס תופס געווען ווען ער האט זיך אראפגעזעצט ביים טיש.

## רבי ישכר בער'ס תאוות אכילה

אמאל האט מען דערלאנגט פאר רבי ישכר בער א זופ וועלכע איז געקאכט געווארן אינאיינעם דערינען מיט פלייש. אבער רבי ישכר בער האט נישט געוואלט עסן דערפון בעפאר מען ברענגט אים נישט דעם עוף. ווען מען האט געברענגט דעם עוף פאר רבי ישכר בער האט ער דאס איבערגעקוקט, און געפינען א צעבראכן ביינדל וואס פאר'טריפה'ט דער גאנצער עוף.

האט זיך רבי ישכר בער אנגערופן: **"שוין לאנג נישט וואס איך האב געהאט אזא תאוות אכילה ווי יעצט ביים באקומען דעם געקעכטץ, און יעצט ווען איך האב אזוי געגליסט צו עסן דעם געקעכטץ, האב איך פארשטאנען אז דאס איז זיכער אסור"...**

## זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל אמן






# אבותינו ספרו לנו

זכרונות ועובדות מאנשי שלומינו בצל קדשו של רביה"ק זי"ע

## עס דערציילט הרה"ח
## ר' מנחם מענדל
## יאראסלאוויטש שליט"א
### משמש בקודש פנימה
### אלס הויז בחור ביי רבינו הקדוש זי"ע

### גיי מיט די דריי זאכן וועט דיר אייביג גוט זיין

איך האב די ערשטע מאל געזען דעם הייליגן רבי'ן אום זומער תשל"ו לפ"ק. דעמאלסט האב איך געהאט געלערנט אין א געוויסע ישיבה, אבער איך בין זייער נישט צופרידן געווען דארט. איך האב געהאט א שוואגער הרה"ג רבי כתריאל שלום פירטה ע"ה, וואס ער האט געקענט דעם הייליגן רבי'ן פון קרוינהייטס וואו דער רבי פלעגט קומען צו הרה"ח ר' הערשל ארגעל ע"ה, ער איז דארט געווען א שכן, פלעגט מען זיי רופן צו קומען מיט דאווענען אדער משלים זיין מנין ביי די תפלות אינדערוואכן, אזוי ארום האט ער געקענט אביסל דעם רבי'ן, האט ער מיר צוגערעדט צו פארן לערנען אין די טאהש'ע ישיבה.

זייענדיג שוין א יתום פון מיין טאטע ע"ה, איז מיין מאמע ע"ה דאן אריבערגעגאנגען צום הייליג'ן רבי'ן ביי איינע פון די מאל וואס דער רבי איז געווען אויף א באזוך אין וויליאמסבורג, און זי האט זיך אויסגעוויינט אז זי איז אן אלמנה און קען זיך נישט קיין עצה געבן מיט איר מענדעלע. דער הייליגער רבי האט איר געזאגט: "ברענגסט אים אריבער צו מיר". דער רבי האט געקענט מיין זיידע פונדערהיים, מיין מאמע'ס טאטע, דעם ברעזנער רב הגה"צ רבי צבי שרייבער זצ"ל וואס ער פלעגט אסאך קומען קיין קאלוב וואו דער רבי האט געלערנט אין זיינע בחור'ישע יארן, און ער האט שטארק געוואלט ארויסהעלפן מיין מאמע אין איר קלעם.

מיין מאמע האט מיר דאן אריבערגעברענגט, און זי האט מיר געזאגט "קום, ער וועט דיר גארנישט טוען..." דער הייליגער רבי האט מיר געגעבן א ווארעמע שלום עליכם און שוין פון די ערשטע מינוט וואס איך האב אים געזען, האב איך תיכף געפילט א ווארעמע קשר מיט ליבשאפט, דער הייליגער רבי האט מיר אויף דאן פארהערט.

די פארהער איז געווען דריי שאלות: די ערשטע שאלה איז געווען "דו האסט ליב דעם אויבערשטן?" האב איך געזאגט אז יא. האט מיר דער רבי געזאגט "דו זאגסט נישט הויך און קלאר, אויף די שאלה דארף מען זאגן א הויכע יא!", און דער רבי האט מיר נאכאמאל געפרעגט "דו האסט ליב דעם אויבערשטן?", דאןהאב איך שוין געענטפערט א הויכע יא... דער רבי האט מיר געגעבן א ליבליכע קניפ אין בעקל.

די צווייטע שאלה איז געווען "דער אויבערשטער האט דיר ליב?" האב איך געענטפערט אז יא. אבער דער רבי האט מיר נאכאמאל געזאגט אז מען דארף אויף דעם ענטפערן א הויכע און קלארע יא...

די דריטע שאלה וואס דער רבי האט מיר געפרעגט איז געווען "דו ווילסט זיין א עבד ה', וואס טוט דאס וואס דער באשעפער וויל פיר און צוואנציג שעה א טאג?" שוין וויסענדיג פון פריער האב איך שוין דאסמאל געוויסט וויאזוי צו ענטפערן אויף די שאלה, האט מיר דער רבי געגעבן אזא נעם ארום מיט ביידע הענט, און געזאגט מיט א ווארעמקייט וואס גייט מיר נישט ארויס פון די ביינער: "אויב אזוי ביסטו אונזער'ס א קינד, מיר וועלן דיר ברענגען צו אונז, און דארט וועלן מיר דיר ברענגען נענטער צום אויבערשטן".

נאכדעם האט ער מיר געוויזן אזוי צום הימל און געזאגט "הער מיך אויס מיין קינד, פון היינט ביז משיח'ס טאג, אויב וועסטו גיין מיט די דריי זאכן, איז נישטא קיין בעסערע זאך ווי דעם. דער אויבערשטער וועט דיר ליב האבן, און דו וועסט האבן אלעס אויף דער וועלט".

דאס איז געווען אין די אכסניא אין וויליאמסבורג, דער רבי האט מיר געהייסן אהיימגיין זיך צוזאמפאקן מיינע חפיצים, און זיך מאכן גרייט מיטצוקומען מיט אים אהיים קיין טאהש.

### דער וועג קיין טאהש

איך בין טאקע געקומען מיט מיינע פעקלעך, און מיר האבן זיך אריינגעזעצט אין די קאר. הרה"ח רבי בנימין זאב זוסמאן ע"ה האט געדרייווט, און איך מיט להבחל"ח רבי אלימלך קליין ע"ה זענען געזיצן פון אונטן אויף די צוויי זייטן פונעם רבי'ן.

דער רבי איז געזיצן אנגעטון מיט זיין רעזשוואלקע, כאטש עס איז געווען הייס און צושטופט אין די קאר. איך האב געדרימלט פון צייט צו צייט, ממילא האט דער רבי געהאלטן זיינע הענט צו זיך, ווייל דער רבי האט נישט געוואלט אנרירן איינעם וואס שלאפט. ווען מען האט זיך אפגעשטעלט ביי איינע פון די רעסט-עיריעס, האט דער רבי מיר געהייסן וואשן די הענט אויף ארויס פון די קאר, און דער רבי אליין האט מיר אפגעגאסן.

### אין ישיבה הקדושה אין טאהש

איך בין אנגעקומען אויף טאהש שוין עטליכע טעג אריין אינעם זומער זמן. הרה"ג ר' משה ברוך ווייס ז"ל איז געווען דער 'אננעמער', ער האט געזאגט וועמען מען נעמט יא אן און וועמען נישט, אבער

אויב האט איר א מעשה צו פארציילן פון רבינו הקדוש זיעוע"א
אדער איר ווייסט פון א מענטש וואס האט צו פארציילן
ביטע לאזט א מעסידש אויף קול איחוד טאהש
718-451-8674 און דרוקט 842

איך בין נישט דורכגעגאנגען זיין פארהער ווייל דער רבי האט מיר דאך געבערענגט. איך בין אנגעקומען אין א דאנערשטאג נאכט, און אזוי אין די פארטאגס שעות בין איך אנגעקומען צום רבי'ן אהיים. דער רבי האט מיר געהייסן ווארטן אין די קליינע האלוועי' צווישן צוויי טירן.

דער רבי איז אריינגעגאנגען אינעווייניג, און זיך באגריסט מיט די רביצין ע"ה, איך האב געקענט מיטהאלטן יעדעס ווארט. דער רבי האט זיך אנגערופן צו איר: "איך האב דא מיטגעברענגט א נשמה, מען דארף אים מקרב זיין", די רעביצין איז נאך עטליכע מינוט ארויסגעקומען צו מיר, און מיר צוגעגרייט א קאווע מיט עסן זיך צו דערכאפן דאס הארץ.

במשך דעם פרייטאג טאג האב איך מיר מסדר געווען מיט א שטוב און אלעס וואס איך האב געדארפט אין ישיבה. פון מיינע יארן דארט און פון אלעס וואס איך האב מיטגעהאלטן, קען איך זאגן אז דער רבי האט אינזין געהאט יעדע ריר אין ישיבה.

## דער רבי מיט די ישיבה

איך געדענק אמאל ווען די ברויט פון די ישיבה איז אנגעקומען פארפרוירן פון די שטארקע קעלטן, און דער רבי אליין איז געווען פארנומען וואס מען קען טוען אז די בחורים זאלן עס קענען עסן.

נאך א געשיכטעלע געדענק איך, דאס איז געווען אין ווינטער תשל"ז, מיין צווייטער זמן אין ישיבה, האט די הנהלת הישיבה מחליט געווען צו שניידן פון די מילך. עס איז געווען א טייערע זאך, און מען האט געטראכט אז מען דארף נישט געבן מילך ביי פרישטאג און מיטאג. אבער עטליכע בחורים זענען אריבער צום הייליג'ן רבי'ן זיך אפרעדן אז מען קארגט אויף די מילך. פארשטייט זיך אז די קומענדיגע טאג איז שוין געווען מילך.

אבער זייענדיג אין נאך אנדערע ישיבות, קען איך מעיד זיין אז די הרחבה פון עסן וואס מען האט געגעבן אין טאהש איז אין ערגעץ נישט געווען. עס איז געווען צוגעשטעלט מכל טוב וטוב, און אלעס אויף די דירעקטע באפעל פונעם רבי'ן, וואס האט געהאט זיינע ענינים דערביי.

## דאווענען מיט'ן "רבי'נס מנין"

די צווייטע יאר וואס איך האב געלערנט אין ישיבה פלעגן מיר יעדן פרייטאג דאווענען ביים רבי'נס מנין. מיין דעמאלטסדיגע מגי"ש פלעגט רעדן צו אונז פאר דעם, און אריינגעלייגט אין אונז א ווארעמקייט און ארויסגעברענגט אונזער זכיה צו קענען דאווענען מיט'ן צדיק הדור, און אז מיר זאלן אריינכאפן די געלעגנהייט זיך צו אויסלערנען וויאזוי צו דאווענען.

דער הייליגער רבי פלעגט צו רעדן מיט די בחורים פאר'ן דאווענען, און געגעבן ליבליכקייט פאר יעדן בחור וואס עס האט נאר אויסגעפעלט, דער רבי איז געווען ווי א טאטע פאר יעדן בחור. אמאל האט ער געקענט געבן א ציפ אין בעקעלע נאכ'ן דאווענען פאר א בחור וואס האט פיין געדאווענט. אויב עס איז נישט געווען מיט א קאן האט דער רבי געקענט זאגן "דיר האב איך נישט געהערט..."

די בחורים וואס האבן געדאווענט הויך מיט א קאן האט דער רבי ארויסגעוויזן א קרבות, און כאטש וואס דער רבי האט דאן נישט געגעבן אין שבת קיין קנאבל פאר בחורים, האט ער צומאל יא געגעבן פאר די בחורים וואס דאווענען הויך.

## די סעודה שבת צופרי

אזוי אויך האט דער רבי אפטמאל גערופן די בחורים וואס האבן געדאווענט אויפ'ן קול, מיטצוהאלטן די סעודה שבת אינדערפרי. דעם רבי'נס זון הרה"צ רבי מרדכי זצ"ל איז ארומגעגאנגען רופן די בחורים מיט אזא ווינק מיט די אויג, און אזוי האט מען געוואוסט ווער עס זאל קומען צו די סעודה.

דער רבי האט ביי די סעודה נאכגעקוקט וויאזוי מען עסט, און ער האט געזאגט זיינע הערות. - אגב, 'געזאגט' איז נישט אינגאנצן ריכטיג, ווייל דער רבי האט כמעט נישט גערעדט אין שבת, אבער זיינע אויגן האבן גערעדט מער ווי די מויל. מען האט שוין געשפירט וואס דער רבי וויל, ווען דער רבי האט געקרעכצט אדער געוויזן מיט די פלייצע, האט מען געוואוסט אז דער רבי איז נישט צופרידן, און ווען יא האט מען עס געקענט שפירן.

דער רבי האט געקענט אריינקומען צו די סעודה אום פיר אדער פינף אזייגער שבת נאכמיטאג, און מיט אזא לעכטיגע רואיגקייט געזאגט די גאנצע לאנגע זוהר, די שמחה פון שבת האט זיך געשפירט אין די גאנצע ארום. דער רבי האט זיכער געמאכט אז יעדער האט וואס ער דארף, און ספעציעל פיש זאפט צו קענען איינטונקען די חלה. אויך ביי די 'פצעי' האט דער רבי געהאט א גרויסע עבודה ביים אנגרייטן און טיילן, מען האט געקענט זען פארשידענע חשבונות וואס ער האט געהאט ביי דעם.

## די לימוד התורה אין ישיבה

ווען דער מגיד מישרים הרה"ג רבי יענקעלע גאלינסקי זצ"ל איז אמאל געקומען קיין טאהש, האט ער געזאגט א שיעור. עס איז געווען א שארפע שיעור, און די בחורים האבן זיך פעסט מפלפל געווען מיט אים, ער האט זייער הנאה געהאט צו זען אין טאהש אזעלכע פעסטע לומדים. שפעטער האט ער זיך אויסגעדרוקטפאר'ן הייליג'ן רבי'ן: "טאהש'ער רבי, איר מעגט שטאלצירן מיט אייער ישיבה, דאס לערנען דא גייט ביז'ן כסא הכבוד".

סוף זמן איז געווען א גרויסע פארהער, די סדר איז געווען איינגעפירט אז מען איז געזעצן אין א רינג אין בית המדרש, און יעדער מגיד שיעור האט פארהערט זיינע בחורים, דער רבי איז דארט געזיצן און מיטגעהאלטן וויאזוי יעדער בחור ענטפערט, און נאכדעם געגעבן א מתנה פאר יעדן בחור.

איינמאל ווען די פארהער האט געהאלטן ביי מיר, האט דער רבי זיך אפגעשטעלט און מיר געזאגט "דו זאלסט אנטוען א גארטל אפילו אין גאס", ער האט נישט נאכגעלאזט ביז איך האב זיך עס נישט אונטערגענומען.

## ער זאל זיין א גוטער בעל הוראה

איך געדענק ווען כ"ק מרן רבינו שליט"א איז געפארן צו דעברעצינער רב הגה"צ רבי משה שטערן זצ"ל זיך צו פארהערן די הוראה, האט דער הייליגער רבי געפאסט יענעם טאג, זאגנדיג מיט גרויס שמחה און התרגשות "מיין זון גייט היינט באקומען די הוראה" ער האט עקסטער גערופן דעם דעברעצינער רב און אים אנגעזאגט אז ער זאל אים "גוט פארהערן, אז ער זאל זיין א גוטער בעל הוראה, ער זאל נישט האבן גארנישט קיין פראטעקציע ווייל ער איז מיין זון".

## די קינדער מאכן בעסער די עלטערן

ווען כ"ק אדמו"ר מ'ספינקא שליט"א, ראש הכוללים איז געווארן א חתן,

איז דעמאלטס ביים תנאים דער רבי אריינגעקומען מיט א הוט. אבער דער חתן זייענדיג א זון פונעם ספינקא'ער רבי זצ"ל, איז ער געקומען מיט א קאלפיק, און דער ספינקא'ער רבי איז געקומען מיט א שטריימל.

ווען דער רבי איז אריינגעקומען און געזען וויאזוי זיי זענען אנגעטאן בבגדי שבת, האט ער זיך אנגערופן: "היינט מאכן די קינדער בעסער די עלטערן, זיי לערנען אויס וויאזוי צו טוען בעסער", און ער איז צוריק אהיים און זיך אנגעטאן א שטריימל צו די שמחה.

ביים תנאים האט דער הייליגער רבי געפרעגט אויב ער האט געלערנט זוהר, אבער ער האט נישט געוואלט ענטפערן. עס איז געווארן זייער שטיל, גיבט דער רבי א דריי זיך אויס צו כ"ק אדמו"ר מגאלאנטא שליט"א, וואס איז געווען דער שדכן, און ער רופט זיך אן צו אים: "איר האט מיר אפגענארט?" האט ער זיך אנגערופן צום רבי'ן: "איך נעם זיך אונטער אז ער האט שוין געלערנט זוהר..."

דער רבי קוקט אים אזוי אן, און ער זאגט ווייטער: "'רזא דשבת' האט ער שוין זיכער געלערנט..." דער רבי האט זיך צושמייכלט און דער תנאים איז געגאנגען ווייטער.

## די קפידא אויף בילדער

איך האב אויך געהאט די געוואלדיגע זכיה משמש צו זיין לפני ולפנים, און זיין אזוי נאנט צום רבי'ן פאר עטליכע יאר.

איך געדענק נאר איינמאל ווען דער רבי האט מיר געוויזן א קפידא, און איך האב גאר געכאפט פעטש... דאס איז געווען אין די תקופה ווען עס איז ארויסגעקומען א נייע סארט קעמערע, וואס מען האט געקענט כאפן בילדער און דאס גלייך ארויסנעמען, מען האט עס געדארפט לאזן אויסטרוקענען עטליכע מינוט און מען האט עס געקענט האבן גרייט.

האב איך מיר אמאל פארשאפט אזא קעמערע, און ווען דער רבי איז געווען ביי א חופה, האב איך געכאפט בילדער. דער רבי האט מיר געווינקען, איינמאל און נאכאמאל, אבער ילדות היתה בי, און איך האב מיר נישט וויסענדיג געמאכט. ווען דער רבי האט געזען אז איך גיי ווייטער, האט ער מיר צוגערופן, געבעטן די בילדער און אלעס צעריסן, און דארט ברבים מיר געגעבן צוויי גוטע פעטש, וואס איך געדענק נאך ביז היינט... אבער אפילו אזוי האט ער מיר שפעטער געזאגט אז עס איז נאך געווען ווייניג קעגן דאס וואס קומט מיר אויף אזא זאך, מען האט געזען ווי הארב דאס איז געווען ביי אים.

## בצילו חמדתי וישבתי

איך פלעג זיך אסאך דרייען ביים הייליג'ן רבי'ן סיי אלץ תלמיד הישיבה, און אויך פלעג איך דארט זיין אפילו בין הזמנים און יום טוב פסח. עס פלעגט אזוי זיין אז בין הזמנים זענען געבליבן עטליכע בחורים אין ישיבה, מען האט געגעסן ביי די הייזער פון מענטשן, און מען האט אריינגעכאפט צו זיין ביים רבי'ן.

בפרט אין די יארן וואס איך האב זוכה געווען צו זיין הויז-בחור, דעמאלטס האב איך גאר אסאך מיטגעהאלטן. אבער דער רבי האט אלעס געפירט מיט אזא חכמה, צומאל ווען ער האט נישט געוואלט אז מען זאל מיטהאלטן וואס ער טוט, פלעגט ער מיר שיקן אין זיין חדר פרטי, נאכצוקוקן א טעלפאון נומער אין זיין טעלפאון ביכל, אזוי האט ער זיכער געמאכט איך זאל נישט דארט זיין גענוג צייט וויפיל ער האט געוואלט צו טוען זיינע געהויבענע ענינים...

דאס האט געדויערט צייט צו כאפן, ביז איך האב פארשטאנען אז דער רבי דארף נישט די נומער, נאר ער וויל דא טוען עפעס וואס מען זאל נישט מיטהאלטן.

אמאל האב איך טאקע געהאט אז דער רבי האט מיר געשיקט אזוי נאכקוקן א טעלפאון נומער אינמיטן די נאכט, ביים צוריקקומען האב איך נישט געזען דעם רבי'ן, שפעטער איז מען געוואויר געווארן אז דער רבי האט זיך דעמאלטס אריבערגעכאפט צו הרה"ח ר' שלמה בלעקמאן הי"ו אויף א קורצע באזוך.

עכ"פ דער רבי האט זיך געהאט זיינע דרכים, מיט א גרויסע חכמה און קלוגשאפט, וויאזוי ער האט זיך אן עצה געגעבן אין יעדע צייט.

**זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל**













בעזרת השי"ת

חברה שומרים קרית טאהש
KT SHOMRIM
Association

105-240 Beth Halevy Ave, Boisbriand QC, J7E-4H4
514-922-9888

## <u>נייע פארקינג סיסטעם צו פארגרינגערן פארן ציבור</u>

לקראת היומדהל"ק ז"ך אב תשפ"ה לפ"ק

**שטייענדיג גאנצע 10 יאר צו די הסתלקות פון רבינו הק' זי"ע לשמי מרום, און משך די יארן האבן מיר געהאט די זכי' צו שטיין על המשמר אויסצושטעלן די פארקער און טראפיק בימי ההילולא אין שטעטל, וועלן מיר בעז"ה מיט די לאנגע יארן פון ערפארונג, פרובירן היי-יאר א נייע פארקינג סיסטעם וואס וועט האפענטליך אסאך גרינגער מאכן פאר דעם ציבור ארויפצוגיין צום ציון הקדוש.**

**ווי פארשטענדליך ביי יעדע זאך פעלט זיך אויס די קאפעראציע פונעם גאנצן ציבור, אז די סיסטעם זאל זיך אויסארבעטן און חלילה נישט פארקערט און פארשווערן די פארקער ארויף און אראפ צום ציון הקדוש, דעריבער ביטע צוהעלפן און קאפערירן מיט'ן סיסטעם.**

**פאלגענד זענען די דעטאלן פון די נייע סדר:**

- מען האט פיל פארברייטערט די גאנצע ראוד ארויף צום בית החיים, אז מען זאל קענען פארקן ביי די זייט פונעם ראוד.
- די פארקינג איז ברייט בלויז פאר געוועגליכע מיני ווענ'ס און קאר'ס, פאר די גרעסערע קאר'ס וועלן זיין פלאץ צו פארקן ביי די נייע בית החיים ארייגאנג.
- למען הסדר וועט זיין 2 פלעצער ווי די קארן וועלן זיך אויסדרייען ביים ארויפקומען, און אזוי צוריקפארן זיך פארקן אביסל שיף צו די וועג צוריק, **1)** ווי די באסעס דרייען זיך אויס קעגן די אריינגאנג ביי די צדקה טענט, **2)** אינמיטן פון די פארקינג אויבן ביים ציון.
- דערפאר איז גאר וויכטיג נישט צו בלאקירן די פלאץ ווי מען דארף זיך אויסדרייען, אפילו נישט נאר פאר א מינוט, נאר יעדער זאל פארקן לויט די אנווייזונגען אויפן פלאץ, נישט ווייט אפגעריקט פון די אנדערע קאר, מען זאלן קענען נוצן די מאקסימום פלאץ וואס שייך.
- נאנט צום ביה"ח אריינגאנג וועט זיין עטליכע פארקינג דעזיגנירט בלויז פאר הענדיקעפ און הצלה וכדו', ביטע עס רעספעקטירן.
- און פאל די פארקינג ביים ציון וועט ווערן פיל, וועט מען יא אפשפארן די ראוד ארויפצופארן צום בית החיים, און מען וועט אנווייזן ווי צו פארקן נעבן די בניני המוסדות און פון דארט וועט פארן א שאטעל. <u>**נ.ב. אין פאל מען וועט דארפן נוצן די שאטעל פאר די פארקינג ביי די בניני המוסדות, וועט די שאטעל נישט פארן פון די אברכים.**</u>
- ווי פארשטענדליך, וועט מען פארקן די קאר'ס נאנט צום ציון הק' געוואנדן לויט וויפיל קאר'ס עס וועט זיין, **<u>דעריבער איז שטארק רעקאמאנדירט אז ווער עס קען זאל נוצן די שאטעל במשך דעם טאג.</u>**
- <u>חשוב'ע דרייווער'ס:</u> נעמט אין אכט אז אויפן ראוד קענען צומאל זיין פיס גייער'ס, **דעריבער פארט זייער פאמעליך, ובפרט ביינאכט ווען עס איז שווערער צו באמערקן.**
- בעת די שלחן הטהור און תפילות וועט זיין צוגעשטעלט פארקינג אַרום די בניני המוסדות, ביטע פארקן נאר לויט די אנווייזונגען, און נישט אונטער דעם בנין א.א.וו. עס זאל חלילה נישט פארשווערן פאר די עמערזשענסי אנצוקומען אין פאל פון נויט.

מיט כבוד און דאנק פאר אייער מיטארבעט
חברה שומרים קרית טאהש

- הנה לא ינום ולא ישן שומר ישראל -



# יז"כור אהבתו ויחיה זרעו






NUAH 845.513.0001

יומא דהילולא קדישא
- של מרן רבינו הקדוש זיעועכי"י -
פק"ק קרית טאהש יע"א
- ז"ך אב תשפ"ה -
פועל'ט אויס אלעס גוטס

# אינפארמאציע און אנווייזונגען

## צו די יומא דהילולא קדישא ז"ך אב

אזוי ווי יאר יערליך ווערט דער ציבור גרעסער בליעה"ר, ווען אלפי ישראל פון אלע שיכטן און קרייזן מארבע פינות הארץ קומען צו פארן צום יום המסוגל לישועות ז"ך אב פוקד זיין דעם ציון הקדוש און פועל'ן ישועות למען הכלל והפרט, שטעלן מיר פאר נויטיגע אינפארמאציע און אנווייזונגען איינערהאלב די ימי הילולא קדישא, כדי אלעס זאל קלאפן לטובת ולשביעת הציבור פוקדי הציון הקדוש עצהיו"ט.

### סעודת הילולא קדישא

- די יארצייט טיש וועט פארקומען ליל ההילולא בשעה 9:30 בהיכל ביהמ"ד הגדול.
- מען וועט דאווענען מנחה ברוב עם בשעה 8:40, און תיכף דערנאך ביים זמן ר"ת וועט מען דאווענען תפלת מעריב.
- די יארצייט טיש וועט ווערן אויסגעשטעלט אויף א פארנעם אריינגעמענדיג אין זיך דעם גאנצן היכל הביהמ"ד מקצה אל קצה, מיט די מאקסימאלסטע פלעצער וואס מעגליך ווי קיינמאל בעפאר, כדי צו קענען אקאמאדירן דעם ריזן ציבור.
- אויף דרום זייט וועט ווערן אויפגעשטעלט א גרויסע פלאטפארמע פאר הרבנים והאדמורי"ם הגאוה"צ שליט"א ובראשם כ"ק מרן רבינו שליט"א.
- לענגאויס דעם גאנצן היכל הביהמ"ד פון דרום צו צפון וועט זיין אויסגע'שורה'ט פולע זיץ פלעצער פאר כל הקהל הקודש, ביטע איבערלאזן די אינעווייניגסטע טישן פאר די זקני וחשובי פני העדה.
- אויף מערב זייט וועט זיין אויפגעשטעלט די פארענטשעס פאר אברכים ובחורי חמד. די סעודה פאר די בחורים וועט סערווירט ווערן באולם בית צירל אום 7:00 אזייגער, ביי די צענטראלע יארצייט טיש זאלן די בחורים נישט פארנעמען די צוגעגרייטע זיץ פלעצער, נאר תיכף ארויפגיין אויף די פארענטשס.
- די בחורים זאלן ביטע ארויפגיין אויף די העכערע שטאקן און איבערלאזן די אונטערשטע שטאקן פאר די יונגעלייט.
- ביי מערב זייט וועט זיין צוגעשטעלט פארענטשס פאר די ילדי כתה ח', עס ליגט א אחריות אויף די חשוב'ע עלטערן אכטונג צו געבן אז די קינדער זאלן זיך פירן מיט דרך ארץ ווי עס פאסט.

### בעת רצון עיניתיך וביום ישועה עזרתיך

- דאנערשטאג אינדערפרי ביומא דהילולא קדישא וועט מען זיך שטעלן דאווענען שחרית בהיכל ביהמ"ד הגדול אום 7:45 ברכות, און תיכף נאך שחרית וועט מען אינאיינעם ארויפגיין צום ציון הק' לאמירת כל ספר תהלים.
- לתועלת הציבור וועט זיין א געלעגנהייט נאך אמירת תהלים צו איבערגעבן קוויטלעך פאר מרן רבינו שליט"א ביז 12:00 אזייגער, ביטע אכונג געבן זיך נישט שטופן און צולאזן די זקני ופני העדה.
- ביי חצות אום 12:58 וועט מען זאגן די סדר יום כיפור קטן בהיכל ביהמ"ד הגדול, בהאי יומא רבא דקא גרים ערב ראש חודש אלול מוקדם, און דערנאך וועט מען דאווענען מנחה.
- נאך מנחה וועט פארקומען די מעמד לחיים רבתי לרגל ההילולא, ווי מ'וועט אינאיינעם זינגען ווארימע ניגונים המקובל מבית מדרשו של רבי, און רבינו שליט"א וועט משמיע זיין ברכת הקודש.

### עלי' לציון הק'

- לתועלת די ציבור איז אויסגעשטעלט געווארן מען זאל קענען פארקן די קאר'ס אויף די גאנצע וועג ביז'ן ציון הקדוש, ביטע אויספאלגן די אנווייזונגען פון חברה שומרים.
- אזוי אויך וועט ווייטער אנגיין די ספעציעלע שאטעל סערוויס, ווי עס וועט קורסירן א שאטעל פון ביהמ"ד אברכים יעדע האלבע שעה ביז'ן ציון הקדוש און צוריק.
- דער הערליכער בנין אינעם ביה"ח וועט זיין אין באניץ פאר כבוד הציבור און וועט נישט זיין צוטיילט, פרייטאג א טאג נאך די יומדה"ל וועט עס צוריק זיין צוטיילט פאר מענער און פאר פרויען.
- עס ווערט גאר שטארק אויפגעפאדערט פאר די וועלכע גייען נאך געלט, ביטע זיך האלטן צו די באשטומטע בודקע'ס און נישט נאכלויפן דעם עולם פאר געלט, און אוודאי נישט שטערן די מתפללים אינעם אוהל, עס וועט שטרענג אינפארסירט ווערן.

### סעודות לאורחים וצידה לדרך

- במשך די ימי ההילולא וועט זיין צוגעגרייט רייכע מאלצייטן פאר אלע אורחים החשובים בהיכל הטישן #9.
- אויך וועט זיין צוגעשטעלט טעימה ושתי' קלה און צידה לדרך ווי פאלגענד: ביים ציון הק' אינעם גרויסן שאטער, בעת די זמני קבלת קהל, אין ביהמ"ד אברכים בעת די תפלות שחרית ועריכות לחיים לרגל ההילולא.

### לקראת הילולא קדישא

- ווי יאר יערליך וועט דאס יאר אויך פארקומען מוצשב"ק עקב די מעמד זכרונות ימי קדם פון עלטערע תלמידים, ביים וועכענטליכן שיחות קודש נאכן סדר הבדלה פון רבינו שליט"א בערך 10:00 אזייגער.
- מען וועט קענען מיטהאלטן א קלארע לייוו-הוק-אפ אויף קול איחוד טאהש עקס. 71.
- צוליב די ריבוי עם וועלכע קומען זיך צוזאם, ווערן די בחורי הישיבות געבעטן צו לאזן פריי די זיצן און ארויפגיין אויף די פארענטשעס.
- עס איז דא א ריזיגע אויסוואל פון שמועות ודברות קודש פון רביה"ק זי"ע, און ריקארדירונגען פון די מעמדי ההילולא די פריערדיגע יארן, אויף קול איחוד טאהש 514-500-8674/718-451-8674 עקס. 15





פועל'ט אלעס גוט'ס


בס"ד
ביהמ"ד אהל אלימלך ד'טאהש
נתייסדה ע"י כ"ק מרן רביה"ק זי"ע • בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א
מאנטריאל יע"א
5427 Rue Jeanne-Mance, Montreal, QC H2V 4K5
באסעס
וועלן פארן פון
בית מדרשינו
5427 Rue Jeanne-Mance
צום יומדהל"ק
פאר די פרייז פון $15 א ראונד טריפ
צום עריכת שלחן הטהור:
מיטוואך פארנאכט'ס אום 8:15
ס'וועט צוריק פארן תיכף נאכן שלחן הטהור
פארנט פון ביהמ"ד הגדול
צו תפלת שחרית ועלי' לציון:
דאנערשטאג אינדערפרי אום 7:00
ס'וועט צוריק פארן 12:00 מיטאג פארנט פון ביהמ"ד הגדול
צום מעמד עלי' לציון הק':
דאנערשטאג אינדערפרי אום 8:45
ס'וועט צוריק פארן 12:00 מיטאג
פארנט פון ביהמ"ד הגדול
בלויז פאר מענער


בעזהשי"ת
מודעה לכל האורחים החשובים
במשך די ימי ההילולא וועט זיין צוגעשטעלט
ברייטע סעודות ומאכלים
להחיות בהם נפש כל חי
פרישטאג
מיטאג
נאכטמאהל
צידה לדרך
בהיכל הטישן #9
אזוי אויך וועט זיין צוגעשטעלט אכילה ושתי' קלה
אויבן ביים ציון הקדוש
יאכלו ענוים וישבעו
האטס גע'פועל'ט אלעס גוטס


בס"ד
וועד האש"ל
וויכטיגע מעלדונג
די אלע וועלכע ווילן רעזערווירן
אש"ל
בבנייני הישיבות
אין די טעג פון די
יומא דהילולא קדישא
פאר א מינימאלע $20 אפצאל
זאלן זיך מעלדן ביטע ווי פריער
514-582-6380
= נעמט אין אכט: =
די פלעצער אין אש"ל זענען זייער באגרעניצט, זיך צו פארזיכערן א בעט, ביטע רופט אריין אין די ערשטע געלעגנהייט
וכל הקודם זכה, והזריז נשכר!!


בס"ד
ספעציעלע ווענדונג
צו תושבי קריתינו הק'
מיר בעטן בכל לשון של בקשה:
מ'זאל נישט לאזן קינדער גיין אויפן גאנצן שטח בית החיים בימי הילולא קדישא, אן די אויפזוכט פון איינע פון די עלטערן.
ס'וועט שטרענג פארסירט ווערן בעז"ה.
די ילדי התלמוד תורה וועלן גיין צום ציון הקדוש מיט די אויפזוכט פון די תלמוד תורה. די עלטערן זאלן נישט לאזן גיין די קינדער בשום אופן אן זייער אויפזוכט.
מיט דאנק פאר אייער פארשטענדעניש
המסדרים


בס"ד
אכטונג
עס איז נישט ערלויבט צו צינדן ליכט אינעם גאנצן אוהל הק'.
עס איז א סכנה און עס וועט תיכף פארלאשן ווערן,
ביטע נאר צינדן ליכט אין די ספעציעלע ליכט טענט.
אזוי אויך טוען מיר בעטן בכל לשון של בקשה:
ביטע נישט ארומגיין נאך געלט צווישן די מתפללים אינעם אוהל הקדוש.
התורה חסה על ממונם של ישראל
ביטע נעמט אהיים אייערע חפצים, תהלים, וכדו'.
יעדע יאר פארבלייבט צענדליגע חפצים, א שאד אויף יודיש געלט.
פועל'ט אויס אלעס גוטס
המסדרים


בס"ד
אקטועלע פרטים און דעטאלן
לקראת היומדהל"ק ז"ך אב הבעל"ט
ספעציעל פאר בחורי ישיבותינו הקדושות
עס וועט סערווירט ווערן א ברייטע סעודת הילולא פאר אלע תלמידי הישיבות וחברי חבורת עבודת עבודה, באולם בית צירל, מיטוואך ראה 7:00 פארנאכטס.
ביי די סעודה וועט געהערט ווערן רייכע דרשות בעניני דיומא, און מען וועט האבן די זכי' אז רבינו שליט"א וועט מפאר זיין ביים מעמד און משמיע זיין דברות קודש.
נאך די חלוקת הפרסים במסגרת המפעל להתאחד בחורי אנ"ש וסיום המעמד, וועט מען אינאיינעם אריבערגיין צום ביהמ"ד הגדול צו תפלת מנחה ומעריב.
דער יארצייט טיש וועט ווערן אויסגעשטעלט אויף א אופן אריינגעמענדיג אין זיך דעם גאנצען היכל הביהמ"ד מקצה אל קצה, כדי צו קענען אקאמאדירן דעם ריזן ציבור.
אויף דרום זייט וועט ווערן אויפגעשטעלט א גרויסע פלאטפארמע פאר הרבנים והאדמורי"ם הגאוה"צ שליט"א ובראשם רבינו שליט"א, און די פארענטשעס פאר די בחורים און אברכים וועט זיין דעזיגנירט אויף מערב זייט.
תיכף נאך מעריב וועט סערווירט ווערן די סעודת הילולא ביד רחבה פאר'ן גאנצן ציבור, די בחורים ווערן געבעטן תיכף ארויפצוגיין אויף די פארענטשעס און זיך בשו"א נישט זעצן ביי די צוגעגרייטע פלעצער.
ביטע ארויפגיין אויף די העכערע שטאקן פון די פארענטשעס און איבערלאזן די אונטערשטע שטאקן פאר די אברכים ובעה"ב.
מאנטאג אינדערפרי ביומדה"ל וועט מען דאווענען שחרית 7:45 ברכות ברוב עם בהיכל ביהמ"ד הגדול.
נאך תפלת שחרית וועט פארקומען די עלי' לציון הק' ואמירת כל ספר תהלים בהשתפכות הנפש.
אמירת יום כיפור קטן ותפלת מנחה וועט זיין ביי חצות בשעה 12:58.
נאך תפלת מנחה וועט פארקומען די מסיבת לחיים, וואו מ'וועט זינגען ווארימע ניגונים און רבינו שליט"א וועט אויפטרעטן מיט דב"ק.
די מעמד לחיים וועט זיין אויסגעשטעלט בצד דרומית.
די ספעציעלע פארענטשעס פאר די בחורים און אברכים וועט זיין אנטקעגן איבער דעם אויבן אן.
די בחורים זאלן ביטע ארויפגיין אויף די העכערע שטאקן פון די פארענטשעס און איבערלאזן די אונטערשטע שטאקן פאר די אברכים ובעה"ב.
מן המותר הוא להאריך בגודל קדושת וסגולת היום הקדוש פון די יומא דהילולא קדישא, וואס בחורי ישיבתינו הקדושות מאכן א הכנה דרבה צו דעם יום הנשגב והנעלה, יומא דנשמתא פון אבינו רועינו רבינו הקדוש והטהור זיעועכי"א, וואס לאורו ולדרכו נסע ונלך.
ובמיוחד פאר תלמידי ישיבותינו הקדושות וועלכע זענען זוכה צו זיין סמוך על שלחן גבוה, וואו כ"ק מרן רבינו שליט"א דערמאנט אונז כסדר אז תלמידים הרי הם כבנים, אז זייענדיג תלמידי הישיבה האט מען די זכי' נשגבה גערופן צו ווערן קינדער פון רביה"ק זי"ע, און דערמיט איז מען זוכה צו באקומען השפעות טובות וכל טוב סלה.
דעריבער שטייענדיג פארן יומדה"ל איז כדאי צו געדענקן אז מען זאל אויסנוצן דעם סגולת היום כי נורא הוא, און מיטהאלטן מיט א ערענסטקייט אלע תפילות, און שלחן הטהור, מסיבת לחיים און דער עלי' לציון הקדוש, און דערמיט אויס'פועל'ן אלעס גוטס, אויסצושטייגן בתורה ועבודה, אויפן הייליגן וועג וואס רביה"ק בעל ההילולא האט פאר אונז געלערנט, ביז מיר וועלן זוכה זיין אז והשיב לב אבות על בנים, ויקיצו וירננו שוכני עפר, בביאת משיח צדקינו ומלכינו בראשינו בב"א



הופיע
ספר
עבודת משולם פייש
לשבת
זמירות לשבת
ווארעמט אייער שטוב מיטן קדושת השבת
אויך ספעציעל הערליכע לעדערנע פאר מתנות
מכון עבודת הלוים
718.840.3333
7188403333t@gmail.com




בסייעתא דשמיא
ונאסף גלויותינו לחצרות קדשך
מיט צופרידנהייט לאזן מיר מודיע פאר כלל אנשי שלומינו
אז צוליב די גרויסע נאכפראגע די פארלאפענע יארן
צו טרעפן דירות פאר געסט אין קריתינו הק'
בימים הנעלים והנשגבים די צווייטע טעג יו"ט
שמחת תורה בצל הקודש
איז נאך גרויס מיה און פלאג ערמעגליכט געווארן אפצודינגען א גרעסערע צאל
באקוועמע מאוביל'ס
וואס וועט זיין צוגעשטעלט אין קריתינו הק' מיט אלע באדערפענישן
און דערמיט פארגרינגערן אנשי שלומינו צו קענען מיטהאלטן די דערהויבענע טעג בצל הקודש
פרטים יבואו בעזרת השם
זמן שמחתינו
שמחת תורה
בצל הקודש
בשורה טובה ומשמחת

איבערצוגעבן אייער בריוו
שיקט א בריוו אויף
פאסט
11 Van Buren Dr. #305
Monroe, NY 10950
שיקט א
פעקס
877.760.0544
לאזט א מעסעדזש אויף
קול איחוד
718.451.8674
Ext. 841

## וואס א תלמיד האט יא קונה געווען אין דער פרעמד...

א גוטן, איך וויל זיך ערלויבן צו קאמענטירן אויף די ווערטער פון הייליגן רבי'ן וואס איז געווען נאכגעברענגט פון הרה"ג ר' חיים ברוך לייפער שליט"א, אז קיינער האט זיך נאך גארנישט קונה שלימות געווען ווייל מ'איז אוועקגעפארן לערנען. איך וויל זאגן אז איך ווייס נישט צו דער סטעיטמענט איז אזוי הונדערט פראצענטיג. ווייל איך בין יא געווען אוועקגעפארן פון טאהש פאר איין יאר לערנען, און איך פיל ווי איך האב יא עפעס קונה געווען. (און איך בעט אז מ'זאל מיר נישט אריינשרייען אדער אריינהאקן ביז איך ענדיג).

וואס האב איך קונה געווען?

איינע פון די חשוב'ע משפיעים פון ישיבה האבן מיר בעפאר דעם אפגערעדט פון אוועקפארן, על אף מיינע וויכטיגע סיבות פארוואס איך האב געפילט אז עס וועט יא זיין א תועלת פאר מיר, און ער האט מיר צוגעלייגט אן אויסדרוק, "פון ווי ווערסטו וויסן אז איך האב דיר גוט געראטן, ווען דו וועסט מיר נישט פאלגן."

אזוי ווי איך האב נישט אנגענומען דעם עצה פון דעם מגיד שיעור, און אויך האב איך נאך נישט געוואוסט ווי שטארק דער רבי האט גערעדט איבער דעם ענין, און איך בין יא אוועקגעפארן לערנען ערגעץ אנדערש, האב איך זיך קונה געווען טאקע אט דעם לימוד וואס איך וואלט זיך נישט געקענט קונה זיין אין טאהשער ישיבה.

איך האב מיך קונה געווען די ידיעה אז ס'איז הונדערט פראצענטיג אמת וואס דער הייליגער רבי האט געזאגט, און אז דאס וואס דער מגי"ש האט מיר געראטן, איז טאקע געווען פאר מיין טובה, ווייל איך האב געזעהן וואס פאסירט ווען איך האב נישט געפאלגט זיין עצה... איך האב זיך עס איבערצייגט אויף מיינע אייגענע ביינער אז מען איז זיך גארנישט מער קונה שלימות דורכן לערנען אין דער פרעמד, אפי' די נאמען האט מען א נאמען אלס אן אויסגערופענע ישיבה.

הצלחה וברכה, אן אויסגעפראוועטער

## די עפראוול'ס באקומען, די

## הויז געקלאוזט בשעה טובה, געפועל'ט ביים ציון הק'

לכבוד די חשובע מערכת.

מען האלט מיט די "פועל ישועות" קאמפיין לעצטנס, ווי די קינדערלעך פון ת"ת אין קרית טאהש גייען ארויף צום ציון הק' פון רביה"ק. ב"ה איך האב אויך די זכיה צו זיין א חלק פון דעם, וואס די טייערע צאן קדשים דעם רבינ'ס קינדערלעך זענען מתפלל ביים הייליגן צדיק לדבר ישועה ורחמים. און איך האף בעזה"י צו קענען ארויפרוקן מיין חודשליכע נדבה פאר נאך מער.

איך וויל מיטטיילן וואס איך בין דורכגעגאנגען ממש לעצטנס, און ווי וואונדערליך ס'האט זיך געענדיגט. איך קויף יעצט אן אייגענעם הויז בשעה טובה ומוצלחת, איך האב געווארט אויף געוויסע עפראוול'ס וואס האבן זיך זייער געשלעפט, און דאס האט אפגעהאלטן פון קענען גיין צום קלאוזינג.

איך האב אנגערופן די שלוחי המוסד בעטן אז מ'זאל מיר אינזין האבן ספעציעל מיט דעם בקשה. און מען האט מיר פארזיכערט אז מען וועט טאקע ספעציעל אינזין האבן מיין בקשה ווען מ'ליינט מיין קוויטל ביים הייליגן רבינ'ס ציון.

ר' יוחנן מענדלאוויטש האט מיר טאקע שפעטער צוריקגערופן און דערציילט אז רבינו שליט"א האט דעם פארגאנגענעם ערב ראש חודש געווען מיט די קינדערלעך ביים ציון הק', און מתפלל געווען צוזאמען, און דער רבי האט פארגעליינט די קוויטלעך פון יעדעם איינעם באזונדער און אויך מזכיר געווען מיין בקשה.

נאך בעפאר ער האט געקענט ענדיגן רעדן, האב איך איס געמוזט אריינהאקן, אז די פאפירן זענען ערלעדיגט. עס האט זיך אויסגעשטעלט אז די צייט וואס איז אינגאנצן מסודר געווארן, איז געווען טאקע בשעת די קינדערלעך זענען געשטאנען און געזאגט תהלים אין אהל הקדוש אין טאהש.

איך וויל צוענדיגן, אז ב"ה דעם וואך האב איך געענדיגט קלאוזן אויף דעם הויז. די גאנצע פראסעס איז געפארן געשמירט און גלאטיג נאך בעסער ווי איך האב מיך אפי' געקענט פארשטעלן. בזכות דעם הייליגן צדיק, און בזכות די טייערע תינוקת של בית רבן וואס האבן מתפלל געווען פאר מיין הצלחה.

י. מערמעלשטיין

## "איך בין א ניצוץ פון דוד המלך"

### הוספות אויף די מורא'דיגע דיבורים ביים טיש, נאך ווען רביה"ק זי"ע איז געפאלן, און איבער די מעשה פון די פארמאכטע שלאק א סוכות בעפאר

לכבוד די חשובע מערכת גליון באור החיים שע"י איחוד טאהש.

עטליכע וואכן צוריק איז אראפ געברענגט געווארן אינעם מדור מאנ"ש לאנ"ש די מורא'דיגע מעשה וואס דער רבי האט נאכן אראפפאלן ל"ע געזאגט ביים טיש פרייטאג צונאכט'ס מורא'דיגע ווערטער אויף זיך אליינס אין די הייליגע טישן, דברים נוראים וואס מ'האט קיינמאל אנדערש נישט געהערט.

באמת האבן מיר שוין אויך גערעדט דערפון און אויסגעשמועסט די מעשה אויף די 'חסידים שמועסן' אפטיילונג אויף קול איחוד. אבער איך וועל דא נאכאמאל אויסשמועסן פאר די חשובע קוראי הגליון באור החיים, בעיקר חלקים איבער דעם ענין וואס איך האב געטראפן אין די ארכיון פון יבלחט"א מיין טאטע הרה"ג ר' משה יודא לייב ליעבערמאן ז"ל, וואס ער האט זיך פארשריבן וואס ער האט געהערט אלס בחור, וואס די עלטערע חסידים און תלמידים האבן עס דאן פארציילט.

צום ערשט איז ער מקדים די באקאנטע מעשה וואס האט פאסירט יענעם יאר, מיט עטליכע חדשים פריער די ערשטע נאכט סוכות, דאס איז געווען דעמאלטס די ערשטע אדער די צווייטע יאר וואס מען האט געמאכט די נייע שלאק וואס איז געפארן מיט רעדלעך אויפן רבי'נס סוכה, אויך איז יענע יאר ערב סוכות געווען א רעגן ביז אין די נאכט אריין.

דער רבי איז אריינגעקומען אין סוכה צום טיש ליל א' דסוכות אושפיזא דאברהם, און ער האט געפרעגט צי די שלאק איז אפן, די סכך פון רבינ'ס סוכה איז געווען אייביג זייער דיק געדעקט, האט מען נישט געקענט אריבערזען צו די שלאק איז אפן, און די ארומיגע האבן געגעבן א זאג "יא, מען האט עס געעפנט".

למעשה איז אינמיטן טיש שוין נאך קידוש און נאך די כזית איז געווארן צוריק רעגנדיג אינדרויסן אביסל, און עס איז נאך געווען א קאלט אויך, און הרה"ח ר' מאיר פעקעטע ז"ל האט זיך זייער געוואונדערט אז מ'פילט עס גארנישט אין די סוכה, עס בלאזט נישט אריין און מען הערט נישט קיין ווינטן פון דרויסן, עס איז פיין ווארים אינעווייניג, איז ער ארויסגעגאנגען אינדרויסן און געזעהן אז די שלאק איז פארמאכט רח"ל.

ר' מאיר איז צוריק אריינגעקומען, ער האט נישט געוואוסט ווי אזוי עס צו זאגן פארן רבי'ן. דער רבי האט געזען אויף ר' מאיר אז ער איז צוקאכט, ער האט אים געפרעגט: "וואס גייט פאר?" האט ער אזוי געגעבן א זאג "די שלאק, די שלאק". ער האט נאך ניטאמאל געענדיגט זאגן וואס עס גייט פאר, אבער דער רבי האט שוין געכאפט, האט זיך דער רבי געגעבן א מאך צו די אויגן, ער איז געווארן עפעס מורא'דיג פארקאכט און זייער זייער בלאס, און מען האט געזען אז ס'האט זייער זייער דערשראקן דעם רבי'ן.

אינמיטן ביי די תורה האט דער רבי ארומגערעדט מורא'דיג צוקאכט און ער האט געזאגט אז איך זע, איך בין נאך גארנישט ווערד, איך וואלט יא געווען וואלט עס נישט פאסירט, ערליכע אידן היט מען אפ פון הימל, און ער האט געזאגט פחדיגע ווערטער בזה"ל: "**ס'וועט מיך נאך קאסטן, איך ווייס נישט וואס, אבער ס'וועט מיך נאך קאסטן**".

במשך די גאנצע יאר, יעדע רבי אדער ערליכע איד וואס איז געקומען צום רבי'ן, האט דער רבי פארציילט די מעשה וואס איז געווען אין די סוכה, אז ער איז נכשל געווארן מיט א צוגעמאכטע שלאק. אפילו ס'איז דא שיטות אז מען קען מאכן א ברכה אבער דאך, ער האט זיך אזוי אראפגענידערט פאר יעדן איינעם אז ער איז נאך גארנישט ווערד, ע"כ חלק א' מהמעשה.

*

יענע יאר אינמיטן די ווינטער, האט פאסירט די מעשה וואס דער רבי האט זיך ל"ע צובראכענעם פיס. מיין טאטע שרייבט נישט פונקטליך צו דער רבי האט צוזאמגעשטעלט אז דאס האט געהאט א שייכות, אדער די תלמידים האבן עס אליין צאמגעשטעלט, אז דאס איז געווען וואס דער רבי האט דאן געזאגט ס'וועט אים נאך קאסטן...

יענעם ווינטערדיגע ערב שבת ווען דער רבי איז אראפגעפאלן אויף די אייז, האט עס אים דורכגעריסן צוויי אדערן, ס'איז געווען יסורים נוראים, אבער דער רבי האט פאר קיינעם נישט פארציילט, נאר פארן גבאי הרה"ח ר' אלימלך קליין ז"ל, האט ער געזאגט אז ער האט זיך אויסגעגליטשט, און ער פילט מורא'דיגע יסורים אין די פיס, אבער ער זאל פאר קיינעם נישט פארציילן. דער גבאי ר' אלימלך האט געבעטן אז ס'איז דאך נאך ערב שבת, זאל דער רבי שנעל אריינקומען אין שפיטאל אויסטשעקן, אבער דער רבי בשום אופן נישט געוואלט גיין, מורא האבענדיג אז עס וועט אים צושטערן די שבת.

ביים דאווענען פרייטאג צונאכט'ס האט דער רבי האט מורא'דיג פייערדיג געדאוונט, און מען האט גארנישט געקענט אנזען, ביים טיש האט דער רבי שוין ממש נישט געקענט גיין, איז דער רבי געווען אנגעלאנט מיט איין האנט אויפן גבאי ר' אלימלך, און מיט די צווייטע האנט אויף א בענקל.

ביים זיך וואשן האט שוין יעדער קלאר געקענט זעהן ווי דער רבי טאנצט ממש פון יסורים, און דער רבי האט ממש נישט געדענקט ווי אזוי זיך צו וואשן, און מען האט אים שוין געדארפט העלפן.

נאך די פיש האט זיך דער רבי גענומען זאגן תורה. דער רבי האט דעמאלטס געזאגט מורא'דיגע ווערטער, זאכן וואס דער רבי האט נישט געכאפט אז ער האלט זיך נישט איין. איך וועל ברענגען חלקים פון וואס דער רבי האט גערעדט בתוך הדברים פון וואס מיין טאטע ז"ל האט אפגעשריבן. דער רבי האט געזאגט, בערך: **"ענק זאלן וויסן אז א קדוש אלוקי געפינט זיך צווישן ענק, איך בין די נשמה פון עלטערן זיידן רבי משולם פייש, די גאנצע כח האב איך דאך פון עלטער זיידן, די עלטער זיידע שטייט דא פון איין זייט, און פון די אנדערע זייט שטייט דא דער זיידע רבי אלימלך, און זיי העלפן מיר, און זיי ווילן מיר העלפן כסדר".**

אינדערצווישן האט ער נאכגעזאגט א תורה פונעם זיידן, מען האט נישט געקענט קלאר הערן. און ער האט געזאגט **"יעדע תנועה וואס עטס זעטס ביי מיר איז קודש קדשים, ווען איינער לערנט פרייטאג צונאכטס פינף שעה רצופים אדער ער מאכט גלגול שלג, קען איך פארשטיין פארוואס ער קומט נישט צום טיש, אבער ווען איינער לערנט נישט פינף שעה רצופות אדער ער מאכט נאכנישט גלגול שלג מיט סיגופים, פארשטיי איך נישט פארוואס ער זאל נישט קומען צו אזא הייליגע טיש".**

און אזוי ווייטער נאך פארשידענע זאכן וואס דער רבי האט דעמאלטס געזאגט. און דער רבי האט אויסגעפירט: **"מיין נשמה זאגט מיר אז איך בין א ניצוץ פון דוד המלך, וואס ווער פארשטייט נאך אזוי די חשיבות פון תהילים אין די דור ווי איך, און מען זאל וויסן ווי גוט איך ווייס אלעס וואלט מען זיך געשעמט צו שטיין נעבן מיר, מען וואלט אנטלאפן פון מיר"**, און אזוי נאך זאכן.

ער האט צוגעענדיגט: "קינדערלעך, זייטס מתפלל פאר מיר משולם פייש בן צירל, איך האב גרויסע יסורים און עטס וועטס מתפלל זיין וועט זיכער זיין גוט, עטס האטס א גרויסע כח און עטס וועטס פועל'ן און אלעס וועט זיין גוט". און דער רבי איז ווייטער אנגעגאנגען מיט'ן טיש.

שבת צופרי איז דער רבי נישט אריינגעקומען צום דאווענען, ער האט אבער נישט געלאזט מ'זאל אים אריינפירן אין שפיטאל ביז מוצאי שבת. נאר גלייך נאך הבדלה - דער רבי איז געזיצן א גאנצע צייט - האט ער זיך אנגערופן נאכאמאל: "קינדערלעך, זייטס מתפלל פאר משולם פייש בן צירל, עס וועט זיכער זיין גוט, פירטס מיר אריין אין שפיטאל יעצט".

אין שפיטאל, ווען דער דאקטאר האט געפרעגט: "וואס איז געשען?" האט ער געזאגט: ער געדענקט ער איז אראפגעפאלן און ער איז געגאנגען דאווענען שבת ביינאכט, און ביז די פיש פרייטאג צונאכטס געדענקט ער, פון דארט און ווייטער ער געדענקט שוין גארנישט!...

דער רבי האט זיך אויך אנגערופן צום די מקורבים, איך האב מורא אז איך האב גערעדט עפעס וואס איך האב נישט געדארפט. האט זיך ר' אלימלך קליין אנגערופן: "דער רבי האט געזאגט זייער שיינע תורה". דער רבי האט אים אזוי אנגעקוקט, און געזאגט: "איך ווייס איך האב געזאגט, איך ווייס אבער נישט וואס". אפאר וואכן נאך די מעשה האט דער רבי אים נאכאמאל אנגעהויבן פרעגן צי ער געדענקט די מעשה, און געזאגט, ווער ווייסט וואס איך האב געזאגט...

דאס איז פון וואס מיין טאטע האט פארשריבן וואס ער האט געהערט פארציילן פון איינעם פון די עלטערע חסידים. עס איז זיכער דא וואס געדענקן מער פונקטליכער. זאל דער אייבערשטער העלפן אז די גרויסע און הייליגע זכות פון רבינו הקוה"ט זאל ווייטער מגין זיין אויף אונז, און מיר זאלן ווייטער קענען גיין אין זיינע הייליגע וועגן בהדרכת בנו וממלא מקומו כ"ק מרן רבינו שליט"א.

שלמה צבי חיים ליעבערמאן, לינדען יצ"ו

## די תועלת פון דרוקן און פארשפרייטן מאמרים און הדרכות פון מרן רביה"ק זי"ע

אל כבוד מערכת באור החיים.

איך וויל אנהייבן מיטן ארויסברענגען מיין טיפע הנאה מיטצוהאלטן לעצטנס די הערליכע בריוון פון אנשי שלומינו, וואס איז א געשמאקע ווינקל פון אנ"ש זיך אויסצושמועסן צווישן זיך, וואס פארמערט אחדות און רעות. נאכדערצו ווען מען זעהט ווי די אפטיילונג לעבט, און מענטשן שיקן אריין הערות אויף בריוון, ווערט דאס אזוי ווי א בא'טעמ'טע פארברענג בשבת אחים.

איך וויל זיך באציען צו א בריוו פאריגע וואך, וואס איינער האט אדרעסירט די ווערטער פון הייליגן רבי'ן זי"ע - איבער דעם אז ס'איז נישטא קיינער וואס האט זיך קונה שלימות געווען דורכדעם וואס ער איז אוועקגעפארן, און אפי' עס קוקט יא אמאל אויס אזוי איז עס באמת בפנימיות נישט אזוי - מיט א טענה אז עס וואלט נישט געדארפט געברענגט ווערן אינעם גליון, זיך באציענדיג צו א מימרא פון צדיקים אז נישט אלעס וואס מען זאגט דארף מען שרייבן.

איז קודם האב איך הנאה געהאט פון די אויספיר, אז אויך נישט אלעס וואס מען שרייבט יא דארף מען ליינען. וואס דאס אליינס איז א ברייטע נושא וואס קען עקסטער גערעדט ווערן, און ב"ה דא אינעם גליון באור החיים, קען מען דערקענען די שווערע כוחות וואס מען לייגט אריין, זיכער צו מאכן אז מען זאל יא קענען אלעס ליינען וואס שטייט געשריבן אינעם גליון.

יעצט וויל איך זיך דירעקט באציען צו דעם טענה, אז דעם אויבנדערמאנטע לשון פון רבי'ן איז צו שארף און מען וואלט עס נישט געטארט דרוקן. וויל איך זאגן במחילת כבודו הרמה, אז מיר קוקט אויס אז דער איד איז שוין אן אפגעבריהטער, און לכאורה איז ער אדער אליינס געווען אוועקגעפארן לערנען, אדער אוועקגעשיקט איינע פון זיינע קינדער, און ער האט זיך איבערצייגט אליינס אז עס האט נישט געלוינט, און אויך

דעם ארויף האט אים געבאדערט פארוואס מען האט עס ארויסגעברענגט ברבים.

לעניית דעתי, און איך האב עס איבערגעשמועסט מיט עטליכע פון רבינ'ס תלמידים, איז זייער קלאר אז א זאך וואס דער הייליגער רבי זי"ע האט געזאגט ברבים, מעג און דארף ווייטער זיין באוואוסט פארן רבים.

און באמת קען מען פרעגן די אלע וואס האבן מיטגעהאלטן די מעשה, און ווי מען האט שוין נאך געברענגט פון הרה"ג ר' חיים ברוך לייפער, אז זיי געדענקן דאס נאך אלע זייער גוט, און דעם רבינ'ס ווערטער ליגט זיי נאך טיף אין דיביינער, אז במציאות האט דעם רבינ'ס ווערטער געווען דעמאלטס אסאך אסאך מער ברייטער און שארפער פון וואס מ'האט אפי' נאכגעברענגט. עס האט זיך טאקע דערקענט די הגהה ארבעט ווי מהאט שיין געפאלישט די מעשה און דעם רבינ'ס לשון, אראפציפענדיג ווערטער ס'זאל זיך נישט הערן אזוי שארף...

און איך וואלט אפי' געזאגט, אז ס'איז מעגליך יא ווען געווען וויכטיג צו שרייבן און פארשפרייטן פונקטליך לשון קדשו הבהיר, וויבאלד ס'איז דאך נוגע ביז היינט לרבים, ווען אזויפיל וואלטן זיך באדאנקט טויזנטע מאל, ווען זיי ווייסן ווען פריער דעת קדשו פון רביה"ק זי"ע, מיט די לשונות וואס ער האט געזאגט. ווייל אפי' אויב זעהט מען שוין יא געוויסע האלבעטע ווערטער פון רבי'ן, איז נעבעך נאך אלץ דא וואס האבן נישט די שכל, זיך איינערדענדיג אז ביי מיר אדער מיין בחור וועט זיין אנדערש, און מ'וועט יא שטייגן אין די אזוי-גערופענע אויסגערופענע ישיבות. און אויף למעשה איבערצייגן זיי זיך דאס ליידער אויף די אייגענע ביינער, און קומען אלע צוריק מיט די זעלבע מסקנא, אבער שוין ליידער אביסעלע שפעט.

און צוליב דעם פארשטיי איך טאקע די וואס האלטן אנדערש, די וואס פרובירן איינצורעדן זיך אדער אנדערע, אז מ'האט יא עפעס פארדינט ווען מ'האט געטוהן אנדערש ווי דעם רבינ'ס ווערטער, ווייל אויף למעשה קען מען סיי ווי נישט צוריקדרייען דעם זייגער... און אוודאי קען מען נישט צוריקברענגען די שווער אויסגעהארעוועטע געלטער פונעם טאטן וואס האט אפגעקאסט דאס לערנען אין די פרעמד (וואס אגב ב"ה אין קרית טאהש רייסט מען נישט די הויט), און וויבאלד די אמת איז א שווערע ווייטעמין מודה צו זיין, ממילא איז גרינגער צו האלטן אז ס'איז נישט אויסגעהאלטן דאס צו דרוקן, מיט א שיינע תירוץ אז עס איז צו שארף... כדי צו פארווישן אביסל און אביסל נאכלאזן די ציפ וואס מען פילט אליינס אין זיך.

איך וויל בעטן בשם דעם גאנצן ציבור הצמאים, דער עולם וויל הערן און וויסן ווי מער פון הייליגן רבי'ן, און ווי דער רבי פלעגט זאגן אז מעשיות פון צדיקים דארפן זיין ווי א תורה שלימה, און אדרבה זאל מען ווייטער ברענגען קראנטע מימרות והדרכות פון רבי'ן, אוודאי וואס איז נוגע פאר אונז אלע. היינט איז א וועלט וואס מ'ליינט זיך אן און מ'הערט זיך אן אזויפיל שטותים, איז אסאך ענדערש אז אפי' די זאכן וואס מ'טאר מ'כלומר'שט נישט וויסן, זאל מען זיך דייקא אנשעפן פון אזעלכע הייליגע זאכן...

עס בלייבט נאר איבער צו וואונטשן כה לחי, עטס זאלטסט מצליח זיין בכל מעשה ידיכם, ושלא יצא מכשול מתחת ידכם. גייטס ווייטער אן מיט די הייליגע ארבעט להתאחד ולהתהלך לפני האלקים באור החיים.

כה דברי זעירא דמן חבריא – נכד רביה"ק זי"ע.

## זמנים פאר נשים צדקניות בימי ההילולא קדישא

דעם דאנערשטאג געפאלט די יארצייט פון מרן רביה"ק זי"ע. און איך וויל מיטטיילן אן עגמת נפש וואס איך האב אמאל געהאט ביים פארן צו דער יארצייט, וואס קען זיין א תועלת פאר אסאך מענטשן, א וויכטיגע זאך וואס איז כדאי אין אכט צו נעמען.

איך בין געפארן קיין טאהש א טאג בעפאר דער יארצייט, אבער ווילנדיג ארויפגיין צום ציון האט מען מיך נישט ארויפגעלאזט, ווייל יענעם טאג גייען נאר פרויען. דאס איז באמת א שיינע זאך אז מען האט איינגעטיילט א סדר ווען די פרויען גייען, און עס זענען טאקע דא נאך קהילות קדושות וואס טוען אזוי.

פאר מיר – קומענדיג א וועג פון זעקס שעה פון ניו יארק – איז דאס אבער געווען זייער שווער. מען האט מיר געזאגט דארט אז מען האט עס שטארק אנאנסירט, און שפעטער ווען איך האב דאס נאכגעקוקט האב איך געזען אז עס איז טאקע אזוי געווען, מיר איז אבער געווען באשערט דעם עגמת נפש, האב איך דאס פארזען. דעריבער שרייב איך דאס אלס א בריוו דא צום גליון באור החיים, אז נאך מענטשן זאלן וויסן דערפון און נישט אנקומען צו דעם זעלבן פאנטשער ווי איך.

היי יאר זענען די זמנים פאר פרויען מיטוואך כ"ו אב, פון 10:00 אינדערפרי ביז 5:30 נאכמיטאג. פאר די טויזענטער אידן פון ניו יארק און איבער דער וועלט וואס פלאנען מיטצוהאלטן די ימי הילולא קדישא אין קרית טאהש, איז ראטזאם אז אויב קומט אויס שוועער צו זיין אויפן טאג פון יארצייט, זאל מען זיך אויסרעכענען צו פארן אין אנדערע זמנים ווי עס איז באשטימט פאר די נשים צדקניות.

זאל דער רבוש"ע העלפן אז מ'זאל פארן און קומען געזונטערהייט, און מען זאל פועלן אלעס גוטס.

ש.מ. קרית יואל

חברה ש"ס

חלוקת לימוד סדר הש"ס

לע"נ הטהורה של רבינו הקדוש מרן משולם פייש בן רבי מרדכי סג"ל זי"ע

לכל עניני סדר הלימוד יכולין לפנות אל:

קול איחוד טאהש

718.451.8674

עקסט. 86

בעזהשי"ת

## באנו בזה להזכיר כלל אנשי שלומינו היקרים

### ללמוד את דפי הגמרא שנתחלק לכל שנה ושנה

ללמוד ולסיים ש"ס, ביחד עם כלל אנ"ש לפני היומא דהילולא קדישא יום ז"ך לחודש מנחם אב הבעל"ט, לע"נ הטהורה של רבינו הקדוש והטהור זיעועכי"א, לקראת הסיום הש"ס שיערוך כ"ק מרן אדמו"ר עט"ר שליט"א, אצל שלחן הטהור סעודת הילולא קדישא.

**סדר הדפים ראה במודעה נפרדת**

וכן יכולין לשמוע הכל על קול איחוד טאהש 718.451.8674 עקסט. 86

יהא רעוא מן קדם מרן אבוהון די בשמיא וארעא, שזכותו הגדול והקדוש יגן עלינו, להתברך בכל מילי דמיטב ברוחניות ובגשמיות, רוב תענוג ונחת דקדושה מכל יוצ"ח, ואך טוב וחסד ירדפונו כל ימי חיינו, עדי נזכה לביאת מלכא משיחא, ובא לציון גואל במהרה בימינו ומלכינו בראשינו, אכי"ר.

הנהלת חברה ש"ס

| נאמען | | משפחה | | שטאט | הבחור בן | מסכת | מדף | עד אחר דף |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| כ"ק | מרן | רבינו | שליט"א | טאהש | | נדה | סה | עג |
| כ"ק | אדמו"ר | מ'ספינקא | שליט"א | טאהש | | ברכות | ב | ח |
| ר' | ברוך שלום | אביש | הי"ו | מאנטריאל | | כתובות | עט | פה |
| ר' | אברהם משה | אייזנער | הי"ו | טאהש | | יומא | עג | פ |
| ר' | יוסף | אייזנער | הי"ו | טאהש | | בבא בתרא | פו | צב |
| ר' | שמואל | אייכענשטיין | הי"ו | ליבערטי | | ערכין | ב | ח |
| ר' | שלום אלי' | אינדיג | הי"ו | מאנטריאל | | נדה | ט | טו |
| ר' | יואל | אקער | הי"ו | קרית יואל | | נזיר | טז | כב |
| ר' | שלום יחיאל מיכל | ארגעל | הי"ו | טאהש | | נדה | נא | נז |
| הב' | אהרן | באנדא | הי"ו | טאהש | ר' צבי חיים | בבא מציעא | ל | לו |
| הב' | מאיר יודא | באנדא | הי"ו | טאהש | ר' צבי חיים | בבא מציעא | סה | עא |
| ר' | אברהם יושע | בינער | הי"ו | קרית יואל | | נזיר | ב | ח |
| ר' | אהרן הערש | בינער | הי"ו | קרית יואל | | בבא מציעא | נא | נז |
| ר' | חיים משה | בינער | הי"ו | קרית יואל | | חולין | נח | סד |
| הב' | יואל | בינער | הי"ו | קרית יואל | ר' אברהם יושע | גיטין | ל | לו |
| הב' | יוסף שמעון דוב | בינער | הי"ו | קרית יואל | ר' אברהם יושע | קידושין | נח | סד |
| הב' | שמואל מרדכי | בינער | הי"ו | טאהש | ר' ישעי' יעקב | ראש השנה | ט | טו |
| ר' | שלום | בלום | הי"ו | טאהש | | נדרים | כג | כט |
| הב' | אברהם | בנגיא | הי"ו | מאנסי | ר' שמואל יצחק | תענית | טז | כב |
| ר' | אייזיק מאיר | בערגער | הי"ו | קרית יואל | | חולין | סה | עא |
| ר' | אשר אנשיל | בערגער | הי"ו | קרית יואל | | פסחים | קטו | קכא |
| ר' | יחזקאל איסר | בערגער | הי"ו | מאנסי | | סנהדרין | פו | צב |
| ר' | צבי זאב | בערגער | הי"ו | טאהש | | מעילה | ב | ח |
| ר' | משה חיים | בערקאוויטש | הי"ו | קרית יואל | | זבחים | כג | כט |
| הב' | צבי מאיר | בראדי | הי"ו | מאנסי | ר' יצחק שלמה | ערכין | ט | טו |
| ר' | אהרן אשר | ברוין | הי"ו | מאנסי | | פסחים | צד | ק |
| ר' | יעקב צבי | ברוין | הי"ו | מאנסי | | גיטין | לז | מג |
| ר' | יצחק | ברוין | הי"ו | מאנסי | | סוטה | מד | מט |
| הב' | משה | בריזל | הי"ו | קרית יואל | ר' צבי יעקב | גיטין | עב | עז |
| הב' | יצחק אייזיק יחיאל | גאלדשטיין | הי"ו | קרית יואל | הרב מנחם מענדל | סוכה | נא | נו |
| הרב | מנחם מענדל | גאלדשטיין | שליט"א | קרית יואל | | כתובות | עב | עח |
| ר' | משה דוד יודא | גאלדשטיין | הי"ו | קרית יואל | | חולין | ק | קו |
| הרב | יואל | גאנדל | שליט"א | קרית יואל | | זבחים | ט | טו |
| ר' | יואל שרגא | גאנדל | הי"ו | מאנטריאל | | בבא בתרא | קז | קיג |
| ר' | משה אהרן | גאנדל | הי"ו | וומסב"ג | | נדה | ב | ח |
| הרב | נתן | גאנדל | שליט"א | קרית יואל | | עירובין | ק | קה |
| הב' | אברהם דוב | גוטמאן | הי"ו | טאהש | ר' יעקב ישראל ברוך | ראש השנה | ב | ח |
| הב' | אלימלך | גוטמאן | הי"ו | טאהש | הרב יצחק יודא משה | בבא מציעא | טז | כב |
| ר' | אשר לעמיל | גוטמאן | הי"ו | קרית יואל | | זבחים | עט | פה |
| ר' | חנני' יו"ט ליפא | גוטמאן | הי"ו | טאהש | | זבחים | ק | קו |
| ר' | יואל בר"ל | גוטמאן | הי"ו | קרית יואל | | נדרים | פו | צא |
| ר' | יחיאל אלתר | גוטמאן | הי"ו | מאנסי | | סנהדרין | לז | מג |
| ר' | יעקב יצחק | גוטמאן | הי"ו | וומסב"ג | | בכורות | מד | נ |
| ר' | יעקב ישראל ברוך | גוטמאן | הי"ו | טאהש | | עירובין | ב | ח |
| הרה"ג | יצחק יודא משה | גוטמאן | שליט"א | טאהש | | ערכין | ל | לד |
| ר' | שלום דוד | גוטמאן | הי"ו | וומסב"ג | | יומא | ט | טו |
| הב' | שמואל אליקים | גוטמאן | הי"ו | טאהש | ר' יעקב ישראל ברוך | מועד קטן | ט | טו |
| ר' | שמואל דוד | גוטמאן | הי"ו | קרית יואל | | כתובות | כג | כט |
| הב' | שמעון | גוטמאן | הי"ו | קרית יואל | ר' שמואל דוד | חגיגה | ב | ח |
| הב' | שמשון | גוטמאן | הי"ו | טאהש | הרב יצחק יודא משה | בבא מציעא | כג | כט |
| ר' | אשר ענזיל | גליק | הי"ו | מאנסי | | ברכות | ט | טו |
| הב' | יודא | גליק | הי"ו | מאנסי | ר' יוסף אלי' | מכות | יז | כד |
| הרה"ג הדומ"ץ | ישראל צבי שלום | גליק | שליט"א | וומסב"ג | | תמורה | טז | כב |
